STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05975

# MIRYAML

Tea Arciszewska

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טעא אַרצישעווסקאַ

# מרימל

פאַרלאַג די גאָלדענע פּאַווע

פּאַריז 1959

פון דער אויסגאבע זענען צוויי הונדערט
עקזעמפלארן דע-לוקס געדרוקט באזונדער.
דערפון זענען הונדערט פינף און זיבעציק
נומערירט פון 1 ביז 175 און פינף און צוואנציק
בישט צום פארקויף נומערירט פון I ביז XXV

עקזעמפלאר נומער

מעא ארצישעווסקא

# מרימל

## דראמאטישער ציקל אין פופצן בילדער

הקדמה

פון

יוסף אָפּאַטאָשו

הויפּט־פאַרקויף

אַלע רעכט פֿאַר אויפֿפֿירן, איבערדרוקן,
איבערזעצן און פֿילמירן געהערן צו
טעאַ אַרציִשעווסקאַ, פּאַריז.

פֿאַרענדיקט צו דרוקן אין יוני טויזנט נײַן
הונדערט נײַן און פֿופֿציק אין דרוקערײַ «וואָג»
קעי דע זשעמאַפּ, פּאַריז, אונטער דער השגחה
פֿון יוסף שעכטער, געדרוקט דורך נפֿתּלי מילנער

TEA ARCISZEWSKA : MIRIAML
( C Y C L E D R A M A T I Q U E )

EDITIONS » DI GOLDENE PAVE »
47 bis, RUE DES VINAIGRIERS. PARIS X<sup></sup>e

DISTRIBUTION A L'ETRANGER : CYCO BICHER-FARLAG
25 EAST 78th STREET NEW YORK 21, N.Y. (US,A.)

TOUS DROITS DE TRADUCTION, D'ADAPTATION, DE REPRODUCTION ET DE REPRÉSENTATION RÉSERVÉS POUR TOUS PAYS
COPYRIGHT 1959 BY TEA ARCISZEWSKA AND «DI GOLDENE PAVE»
47 bis, RUE DES VINAIGRIERS, PARIS Xe

PRINTED IN FRANCE – IMPRIMÉ EN FRANCE

IMPRIMERIE VOGUE, 176, QUAI DE JEMMAPES, PARIS Xe

הילע, שער־בלאַט און געצייכנטע אותיות
פון אַרטור קאָלניק

באקומען דעם ערשטן פרייז פון דער
אלעקסאנדער שאפירא-פרעמיע אויפן
נאמען פון י. ל. פרץ פאר דער בעסטער
יידישער דראמע, אין יאר 1954,
אויפן קאנקורס ביים אלוועלטלעכן
יידישן קולטור-קאנגרעס אין ניו-יארק.





# אינהאַלט


זייט טו

יוסף אָפּאַטאָשו: במקום אַ הקדמה

זייט יט

רעדע פון ד"ר יעקב שאַצקי

זייט כא

פּערזאָנען

זייט כג

מאָטאָ

זייט כה

פּראָלאָג. כאָר

זייט כז

שער־בילד


## ערשטער טייל: אין די קעלערס


זייט לג

כאָר

זייט לה

דאָס ערשטע בילד: אוים פורים

זייט מה

דאָס צווייטע בילד: יעדעס נפש

זייט סא

דאָס דריטע בילד: קינדער רעדן צו גאָט

זייט עה
דאָס פערטע בילד: מוראַשקעס איז בעסער...
זייט פז
דאָס פינפטע בילד: דודלס שטאַרבן

## צווייטער טייל: אין דער פרעמד

זייט קט
כאָר
זייט קיא
דאָס זעקסטע בילד: קינדער טראַכטן אויס פרייד
זייט קכט
דאָס זיבעטע בילד: מרימלס נביאות
זייט קמה
דאָס אכטע בילד: אין דער גרויסער שטאָט
זייט קנט
דאָס ניינטע בילד: די פאַרזאָרגערס
זייט קסט
דאָס צענטע בילד: ברוכל וויל קויפן אַ מאַמע
זייט קפג
דאָס עלפטע בילד: אַזוי ווי „זיי"...
זייט קצג
דאָס צוועלפטע בילד: מרימל טרייסט די מוטער רחל

# דריטער טייל: עס קומען וונדער


זייט ריג

כאָר

זייט רטו

דאָס דרייצנטע בילד: קינדער גייען אַוועק

זייט רכא

דאָס פערצנטע בילד: קינדער קליינע, וואַהין?

זייט רכז

דאָס פופצנטע בילד: שעפּסעלעך גייען פאַריאָגן דעם וואָלף

זייט רלז

ביבליאָגראַפיע


אַלע תנ"ך־פּסוקים לויט יהואש־איבערזעצונג

די טעקסטן פון די כאָרן:

צום פּראָלאָג: תהלים קב, ב׳, י׳, י"ב.
צום ערשטן טייל: תהלים מד, י"ב, י"ח, כ׳.
צום צווייטן טייל: תהלים עד, י"ט, מב, ב׳.
צום דריטן טייל: שמואל א׳ ב, ד׳; תהלים קב, י"ד.

# במקום אַ הקדמה

# דריי בריוו

## פון יוסף אָפּאַטאָשו

### א.

טייערע טאַטשע,

אייער דראַמע „מרימל“, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט, האָב איך צוויי מאָל איבערגעלייענט.

כ'מוז זאָגן ביים סאַמע אָנהייב, אַז אייער זאַך געפעלט מיר. מען וועט אייך געווים אויפוואַרפן, אַז מרימל איז נישט גענומען פון לעבן. קאַפּירן קען מען נאָר דאָס, וואָס איז שוין געשאַפן! דאָס, וואָס מען שאַפט אַליין, קען מען נישט קאַפּירן. און דעריבער מרימלס שטאָם, דאָס קינדישע ראַנגלען זיך, איר בענקשאַפט איז מ ע ר. מרימלס נביאות גרענעצט מיט געניאַליטעט.

מיר געפעלט דער שטאַם ביי אַ קינסטלער. און אויב די ערשטע זאַך איז „גלאַטיק“, אָן שפּיצן, שטעכערס, קען מען פון אַזאַ שרייבער מער נישט דערוואַרטן.

אייער יידיש האָט מיך איבערראַשט — פאַרביק, שפּריצט מיט לעבן.

איך בין נישט געניינגט צו שרייבן הקדמות, זאָל מיין בריוו דינען פאַר אַ הקדמה.

איך האָף, אַז אייער בוך וועט אָנשלאָגן דעם געהעריקן טאָן.

מיט פריינטשאַפט — אייער
י. אָפּאַטאָשו

ניו־יאָרק.

ב.

טייערע טאָטשע,

איר האָט אָנגעשריבן אַ שטאַרקע זאַך. די קינדער — דאָ זענט איר גרויס. די חתונה, ס'עסן, דער פּאָגראָם — אַלץ, אַלץ איז דאָ ניי און רירנדיק גרויס. אין די צענדליקער ביכער, וואָס זענען שוין געשריבן געוואָרן וועגן חורבן, האָב איך אַזוינע בילדער און סצענעס נישט אָנגעטראָפן. די בילדער האָבן מיך אַזוי גערירט, אַז כ'האָב זיי איבערגעלייענט מיין אַדעלען. דערנאָך האָב איך געטראַכט: אפשר מאַך איך אַ טעות? כ'האָב עס געגעבן לייוויקן איבערצולייענען און ער איז אויך מסכים מיט מיר. איר האָט אָנגעשריבן אַ גוטע זאַך, טאָטשע, גאָר אַ גוטע.

אייער
י. אָפּאַטאָשו

ניו־יאָרק, 30־טער דעצעמבער, 1953.

ג.

ליבע קאָלעגן, אַ דאַנק אייך פאַר דער איינלאַדונג.

טייערע טאַטשע!

כ'באַדויער, וואָס כ'קען נישט זיין אויף „מרימלס יום־טוב", וואָס איז אייער פאַרדינטער יום־טוב.

די קינדער אין אייער דראַמע „מרימל", דאָס איז ס'טראַגישסטע אין דער גאַנצער חורבן־ליטעראַטור.

... אייער יידיש האָט מיך איבערראַשט, אַזוי פשוט און אַזוי שטאַמיק, ווערטער פאַרביקע, טראָגן מיט זיך די ירושה פון יידישן קרוין־פוילן.

... די יידישע ליטעראַטור האָט אייך אָנגענומען, טאַטשע, מיט אַ ברכה. ווינטש איך אייך, איר זאָלט זיך נישט אָפּשטעלן ביי דער דראַמע. גיט אונדז (און איך ווייס, אַז איר קענט!) אַ שטיק פויליש־יידיש לעבן, וואָס איז כמעט נישט באַרירט. גיט אונדז אייער: „אַלטער—גאָלדשטיין—ליפּסקי משפּחה־שטאַם", אין זיין הויך און אין זיין ירושה. כ'ווינטש אייך יאָרן און שעפערישע כוחות.

אייער קאָלעגע

י. אָפּאַטאָשו

ניו־יאָרק, 30־טער יוני, 1954.

דער ערשטער בריוו איז געשריבן אין יאָר 1936 וועגן צוגעשיקטע זעקס בילדער. דער צווייטער בריוו — אין יאָר 1953 וועגן דער צוגעשיקטער דראַמע. דער דריטער בריוו פון יאָר 1954 איז אַ באַגריסונג צום ליטעראַטן־פאַראיין אין פּאַריז.

# רעדע

## פון ד״ר יעקב שאַצקי

„מרימל" פון טעאַ אַרצישעווסקאַ ווערט פון דער מחברין באַצייכנט ווי אַ דראַמאַטישער ציקל אין פופצן בילדער. דראַמאַטיש איז דער שטאָף נאָר אין זיין סטאַטיק, בעת אין דער דינאַמיק איז ער — דורכאויס טראַגיש.

יעדער פון די פופצן בילדער שפיגלט אָפּ אַ געוויסן עפּיזאָד פון דער גרויזאַמער אומקום־צייט, אָבער יעדער בילד איז נישט עפּיזאָדיש, נאָר דורכשניט — סימבאָליק — דאָס הייסט: ברענגט אַרויס דעם טיפן עיקר פון דער סיטואַציע.

די הויפּט־כאַראַקטערן זענען קינדער, הגם עס פיגורירט אויך דער עלטערער דור. ס'איז אפילו פאַראַן אַ רעפלעקסיע אויף אַ סאָציאַלער איינשטעלונג.

„מרימל" — דאָס גייסטיק־קראַנקע קינד דריקט אויס די ווירקלעכקייט, ווייל זי האָט נישט קיין העמונגען — ממילא שפּרייזט זי איבער דער מורא פאַרן אמת.

די קינדער מאַניפעסטירן אַגרעסיוו, וואָס שטימט מיט דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע וועגן קינד אין אַ מאָמענט פון געפאַר.

די אַגרעסיווקייט דריקט זיך אויס אין סובלימאַציעס. די טראַגישע נויט אויסצושפּילן זאַטע און פריידיקע פאָרמען

פון אַ לעבן, וואָס איז שוין מער נישט קייןווירקלעכקייט. קינדער שפּילן אויס אַ חתונה, און קאָמפּאָנירן אַזוי אַרום מיט אַגרעסיווער אימיטאַציע דעם טיפן ווייטאָג פון האָפענונגלאָזיקייט.

אָדער די סצענע: די הונגעריקע קינדער שפּילן אויס אַ שפּייז־קראָם מיט קונים און לאָדן אויס פון זייערע פאַרטרוקנטע מיילער די רייצנדיקע ווערטער פון נישט־דאַאיקן עסן, די סצענע איז פול מיט אַ גראָטעסקן טראַגיזם.

די סוגעסטיווקייט פון אַ מעטערלינקס נישט־דערזאָגטקייט, פּרצעס אימפּרעסיאָניזם, די פּאָעטישע מעלאַנכאָליע פון וויספּיאַנסקים ריטעם און גראָם — דאָס אַלץ שאַפט אַ שטימונג.

„מרימל" איז אַ בוך־דראַמע. מען דאַרף לייענען די סקולפּטורעלע דעטאַלן פון די סצענעס, מיט די מאָלערישע גרופּן־טאַבלאָס — כדי צו פאַרשטיין די וויזועלקייט פון דער מחבּרין, אַ דורכאויס פּלאַסטישע וויזועלקייט.

איך ווייס נישט, אויב מען קען אַזאַ ווערק אויפפירן. ס'איז אָבער גוטע ליטעראַטור, פריש און סוגעסטיוו.

פון דער רעדע געהאַלטן אויפן אָוונט פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, דעם 9־טן מאַי 1954, אין ניו־יאָרק, וועגן דער פּרעמירטער דראַמע „מרימל" פון טעאַ אַרצישעווסקאַ.

# פערזאָנען

## די קינדער:

**מרימל.** דרייצן יאָר, אַ דיינס אַ טאָכטער, גייסטיק קראַנק.

**צירעלע.** צען יאָר, דעם רבס טאָכטער.

**רחלע.** צוועלף יאָר, אַ קינד פון דער פרעמד, איינזאַם.

**מאָטעלע.** ניין יאָר, דער באָבעס אייניקל, אָן עלטערן.

**ברוכל.** זיבן יאָר, צווייט אייניקל.

**לייזערל.** צען יאָר, דעם שוחטס יינגל.

**דודל.** פינף יאָר, אַ יתום פון שטעטל.

**מנחמל.** זיבן יאָר, אַ יתום.

**מלכל.** צוועלף יאָר, אַ קינד פון הויף.

**יענקל.** פערצן יאָר.

**שפרהלע.** זעקס יאָר.

**אסתרל.** איינזאַם קינד.

**חיימל.** עלף יאָר.

**מיידלעך, יינגלעך.** קינדער פון שטעטלעך.

## די גרויסע:

**רב.** אַ זקן, אַ שותק, דער פאָטער פון שלוֹמען, בלימעלען און צירעלען.

**בלימעלע.** צוואַנציק יאָר, דעם רבס טאָכטער.

**שלום.** זיבעצן יאָר, דעם רבס זון, מערקווירדיק שיין.

**באָבע.** שפּעטער אַ פּאַראַליזירטע.

**חזן.** אַלט, איינזאַם.

**סופר.** דער ייִדע, מיט אויסגעלופּעטע אויגן.

**שוחט.** הויך, דאַר, נערוועז.

**שוחטקע.** אויסגעדאַרט, אין מיטעלע יאָרן.

**איינגייערקע.** קליין, פאַראַרעמט.

**מוטער.** די מוטער פון יאָסעלען.

**פיגורן.** די פאַרזאָרגערס, אַלעגאָרישע מאַריאָנעטן־פיגורן.

**פּרעזידענטין.ווירטין. עמיגראַנטן־הימלאָזע.**

**סימבאָלישע געשטאַלטן.** „דזשענטעלמענס“.

**שטימען** פון דער ווייטנס.

די קליינע קינדערס הערצער
זענען גרויס...
מרימלס הארץ, איר גורל
איז די מגילה פון קינדערס פיין...

# פראָלאָג

## כ אָ ר

אָרגל־מוזיק

גאָט, הער צו מיין תפילה,
און מיין געשריי זאָל קומען צו דיר.
וואָרום אַש האָב איך אַזוי ווי ברויט געגעסן,
און מיינע טראנקען האָב איך מיט געוויין געמישט.
מיינע טעג זענען ווי אַ שאָטן וואָס נייגט זיך,
און אַזוי ווי גראָז טריקן איך איין.

# שער בילד

א שול. עס הענגט אַ מעשענער לאַמפּ אַנ=
געצונדן. אין דער מיט, ביי דער וואַנט,
שטייט דער ארון=קודש מיט אַן אַלט גרינ=
געהאַפטן פּרוכת. פון ביידע זייטן עמוד
ברענען הויכע ליכט. סידורים. מען זעט
אָפּגעזונדערט די ווייבערשול, די פרויען זענען טראַדיציאָ=
נעל, יידיש יום=טובדיק געקליידט, טייל אין ווייסע טיכער
און יידישער קאָפּ=צירונג.

אויף דער רעכטער זייט וואַנט שטייען בענק. צווישן די
בענק יידן, אַלע אין ווייסע קיטלען, איבערגעדעקט די קעפּ
מיט די טליתים. אויפגעהויבענע הענט, ווי די פליגל. דאַ=
ווענען, וויגן זיך, מען הערט דאָס ברומען און קרעכצן פון
דאַווענען. דער חזן זאָגט העכער די ערשטע ווערטער פון

דער תפילה, און הייבט אָן שטיל צו זינגען. אַלע זינגען מיט.

אַ ייד (לויפט אַריין דורך אַ זייטיקער נידעריקער טיר, זאָגט אָן מיט טויטשרעק). מען זוכט יידן!...

(אַלץ ווערט פאַרשטאַרט, מען רירט זיך נישט פון אָרט. אָפּגעריסענע, נישט דייטלעכע, איינצלנע ווערטער. שרעק. אַ גרויליקער שאָרך טראָגט זיך דורך. פון דער ווייבערשער שול לויפן אַריין פרויען, מישן זיך אוים מיט די מענער. אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך אין דער גרויסער מיטל-טיר די גייסטיק קראַנקע מרימל. טראָגט זיך ווי אַ גייסט, מיט צעוואָרפענע האָר, אויפגעריסענע אויגן, מאַכט אַ פּאָר שריט פאָרויס, זאָגט מיט אומהיימלעכער רואיקייט.)

מרימל. אין דרויסן הענגט אַ ייד!
אין אַ ווייס העמד
אין אַ טלית-קטן...
הענגט און וויגט זיך
אויף די דראָטן...

ערשטער טייל

# אין די קעלערס

# כ אָ ר

## אָרגל=מוזיק

האָסט אונדז אָפּגעגעבן ווי שאָף צום עסן,
און צווישן די פעלקער האָסטו אונדז צעשפּרייט.
דאָס אַלץ איז געקומען אויף אונדז,
אָבער מיר האָבן נישט פאַרגעסן אָן דיר,
הגם דו האָסט אונדז פאַרשטויסן
אין אַן אָרט פון שאַקאַלן.

דאָס ערשטע בילד

# אוים פּורים

אין אַ שטעטל, ביים רב אין שטוב, קיינער איז נישטאָ. פֿאַרנאַכט. אין שטוב איז האַלב=טונקל. עס שטייען אין דער טיר אויף דער שוועל מרימל און ציךעלע. ציךעלע קוקט אומרואיק און פֿאַרלוירן.

מ ר י מ ל. ציךעלע, כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן... וועסט עס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן... אפֿילו ווען דו וועסט שטאַרבן. וואָס האָט זיך דיר געחלומט די נאַכט? זעסט, כ׳האָב אַ טשאַטשקע, ס׳איז אַ כּישוף=גלעזעלע. ביסט ברוגז? ווילסט מיר צונעמען, מען טאָר נישט. גאָט וועט דיך שטראָפֿן... ווו איז ס׳גיהנום? אויף דער וועלט, צי אויף יענער? כ׳ווייס, אַז כ׳וועל שטאַרבן, וועט מען מיר צונעמען די אַלע גלעזלעך... דו האָסט שוין געזען אַ שוואַרצן בעל=עגלה, וואָס

טראָגט אַרום אַ טויטן? איך האָב שוין געזען. אַ טויט קינד — טשיפּעלען — ווײַס ווי שניי... (אַנווייזנדיק) דאָ, געל ווי וואַקס... די פינגערלעך שטייף. ליכט ברענען זיך...

צ י ר ע ל ע. כ׳האָב מורא. מרימל, כ׳וויל נישט. הער אויף! (מרימל לויפט אַוועק.)

ב ל י מ ע ל ע (קומט אַרײַן, אומרואיק, דערשראָקן).

צ י ר ע ל ע (האַלב וויינענדיק, צו בלימעלען). ווען מרימל קומט אויפן הויף, שרעקט זי אַלע איבער. שטענדיק האָט זי פאַרכישופטע גלעזלעך, שטענדיק רעדט זי פון טויטע, פון גיהנום... זי זאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גן־עדן אין הימל. זי זאָגט, אַז ס׳גיהנום און ס׳גן־עדן זענען ערגעץ דאָ, אויף דער וועלט... פאַרוואָס שווײַגסטו?

ב ל י מ ע ל ע. שרעק דיך נישט, שוועסטערל.

צ י ר ע ל ע (טרויעריק). ווייסט, בלימעלע? אַז מרימל דער־ציילט אירע מעשיות, הייבן אַלע קינדער אָן צו וויינען... און בײַנאַכט וועקן זיי זיך. מען הערט פון אַלע פענצטער וויינען... מרימל קומט צו זיי אין חלום... צו מיר אויך.

ב ל י מ ע ל ע (גלעט זי און טוליעט זי, רעדט געשווינד). מרימל איז אַ יתומה, קראַנק, איבערגעשראָקן...

צ י ר ע ל ע (נעמט זי אַרום). כ׳האָב דיך ליב, בלימעלע, ווײַל דו ביסט שוין אַ גרויסע, און דו ביסט נאָך אַזאַ גוטע. זײַ דו אויך מײַן מאַמע... גוט? זאָג! איז אמת, וואָס מרימל

זאָגט, אַז די, וואָס לעבן אין גיהנום, זעען אַזוי אויס ווי אונדזער מאַמע ?

ב ל י מ ע ל ע (אומרואיק). נישט אמת, נישט אמת. אונדזער מאַמע איז אַ טייערע, שיינע מאַמע. זי זעט אַזוי אויס פֿאַר שרעק...

צ י ר ע ל ע. כ׳ווייס, אַלע האָבן מורא, אַלעטשקע מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט האָבן מורא... דאָס האַרץ קלאַפּט מיר ווידער, ריר אָן !

ב ל י מ ע ל ע. ש... ש... ש... פֿאַרגעס, שוועסטערל, פֿאַרגעס.

צ י ר ע ל ע. כ׳קען נישט פֿאַרגעסן ! מרימל זאָגט, אַז די ביימער און די פֿייגעלעך אין סאַד זענען בלאָס געוואָרן פֿאַר שרעק... זי זאָגט, אַז דער הימל איז שוין נישט בלאָ, ער איז אויך דערשראָקן... ווייסט, זי זאָגט, אַז ווען די זון גייט אונטער, צינדן זיך אָן די וואָלקנס, ווייל זיי שעמען זיך איבער די זינד אויף דער ערד... און די שטערן, רעדט זי, פֿאַלן אַראָפּ און שטאַרבן, ווייל זיי זעען אַלץ, אַלץ... זי לאַכט... אַפֿילו די פֿישלעך שרעקן זיך און לויפֿן אַוועק... מרימל ווייסט, אַז דאָס וואַסער אין טייך איז שוין נישט ווייס, נאָר רויט, ווייל מען וואַרפֿט דאָרט אַריין טויטע, צעשניטענע מענטשן... (וויינט געריררט) מרימל ווייסט אַלץ... (עס קומט אַריין דער שוחט מיט געשאָכטענע עופֿות אין דער האַנט. ער קוקט זיך אומרואיק אַרום, דערזעט צירעלען מיט בלימעלען.)

שוחט. ווו איז דער רב? אַ שאלה...

בלימעלע. דער רב? דער טאַטע? (מיט גרוים אומרו.)

צירעלע (לויפט צו, גלעט די עופות). מען שעכט זיי... זיי קענען נישט רעדן, נישט בעטן.

שוחט. שלעכט פאַרשניטן... די האַנט ציטערט...

צירעלע (גלעט דאָס העלדזל פון דער געשאָכטענער הון). אַ רחמנות... אפשר איז זי אַ מאַמעליו?

בלימעלע. דער טאַטע? (הערט זיך צו. עס קומט אַן דער רב, בלאַס און דערשראָקן.)

רב. פאַרקלאַפּט דעם לאָדן! פאַרלעשט ס'ליכט! (דער רב, בלימעלע און דער שוחט טוען עס) ווו איז די מאַמע?

בלימעלע (שטיל פאַרצווייפלט). די מאַמע?! (זי וויל אַרויסלויפן.)

רב (האַסטיק). דו טאָרסט נישט, בלייב! באַהאַלט דיך, טאָכטער! באַהאַלט דיך! (וויל אַליין אַרויס.)

בלימעלע (שרייט). טאַטע, בעסער איך! (לויפט אַרויס מיט דער צווייטער טיר, דער שוחט וויל אויך אַרויסלויפן נאָך בלימעלען.)

רב. בלייבט! ס'איז אַ סכנה!

שוחט. ניין, רב, איך טאָר נישט בלייבן. די קינדער! די קינדער! (לויפט אַרויס. דער רב בלייבט. אַ לאַנגע פּויזע, אין דעם עפנט זיך אויף דער לאָדן, דערנאָך דאָס פענצטער

און עס באַווייזט זיך מרימלס קעפּל. זי קריכט שטיל אַרויף.
אָטעמט שווער.)

מרימל. צירעלע! ביסט דאָ? בלוט! רויט בלוט! אוי, ווי רויט! האָסט שוין פאַרזוכט אַ מאָל בלוט? בלוט מוז זיין זיס, ווי קאַנדלצוקער. בלימעלעס בלוט מוז זיין זיסער פון האָניק... עס בריט. משה רבינו שלאָפט, שטיל, ער רוט...
(דער רב לויפט אַרום איבער דער שטוב, טוט אָן דעם טלית, פאַרשטעלט דעם קאָפּ מיט די הענט און פּאַמעלעך פאַלט ער אויף דער וואַנט, באַהאַלט דאָס פּנים און בלייבט ווי פאַרגליווערט. צירעלע לויפט צו צום רב, ער האַלט זי פעסט ביים הענטל.)

צירעלע. מרימל, מרימל, הער אויף! שרעק מיך נישט. ווו זענען זיי? (מרימל פאַרשווינדט פּאַמעלעך פון פענצ־טער. אין דרויסן פלאַקערט. ס'פילט זיך גרויזאַמקייט און שרעק. מען לויפט. מען הערט פאַרשטיקטע שטימען:

„מענטשן! העלפט! מיין קינד! מיין אַלטער טאַטע!"

עס עפענען זיך די לאָדנס פון צווייטן פענצטער און ס'באַ־ווייזט זיך ווידער מרימלס קאָפּ. עס פאַלט אַריין שלום, דערנענטערט זיך צום עמוד, עס פאַלן אַריין נאָך מענטשן פון שטעטל, בעלי־בתים, אָרעמעלייט, ווייבער מיט קינ־דער, מיידלעך, יונגע בחורים און בעלי־מלאכות, אַ וואַסער־טרעגער און נאָך אַנדערע. אַלע טויט דערשראָקן, בלייבן פאַרשווינגן, און קוקן מיט אומזיניקע בליקן אויפן רב. שטילקייט, קיינער רעדט נישט קיין וואָרט, יעדער דריקט

זיך צו צו דער וואַנט, טייל רוקן זיך צו צום באַלעמער. אַלע הערן זיך צו צו מרימלען.)

מרימל (פּאַרטראַגן). ספר־תּורות ברענען! די שול פּלאַ־קערט! אַ זילבערנע קרוין וואַלגערט זיך אויפן הויף. אויף דער שוועל ליגט אַ מענטש, דער אַלטער שמש, אין דער האַנט האַלט ער אַ ספר־תּורה הענטעלע. שטיל! ער דאַוונט. שמע ישראל!

(די מאַמעס מיט די קליינע קינדער גייען פּאַמעלעך צו צום רב. אַ יונגע מוטער מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט, די שוחטקע מיט לייזערלען ביים הענטל. דער רב שטייט אין מיטן.)

מוטער (דערלאַנגט דעם רב דאָס קינד). רב! נעמט מיין קינד! זאָלן מיינע אויגן נישט זען...

(דער רב נעמט עס אויפן האַנט, דעקט צו מיטן טלית זיין קעפּל, לייזערלען טוליעט ער צו צו זיינע פיס. די אַלטע באָבע פירט אויך צו צום רב די אייניקלעך, מאַטעלען און ברוכלען, און דריקט זיי צו צו זיינע קני. הענטלעך קלאַ־מערן זיך אָן זיין שוואַרצער קאַפּאָטע און טלית, עס ביל־דעט זיך אַ פּיעטע. די רויטע ליכט פון פייער, וואָס פאַלט אַריין דורכן פענצטער, ווען מרימל באַווייזט זיך, באַלייכט דאָס בילד, דעם רב מיט די קינדער. די איבעריקע געשטאַלטן זענען בלייך באַלויכטן, טייל פון זיי זענען איינגעבויגן, אַנדערע מאַכן פאַרצווייפלטע באַוועגונגען, שעפּטשען און מורמלען. אַ שפּיל אָן ווערטער, אַ שטימונג

פון טויטשרעק. אַלע ווערן ווי פאַרגליווערט, צירעלע רייסט איבער די שטילקייט און זאָגט צו מרימלען אין פענצטער.)

צירעלע (מיט שרעק). מרימל! פאַרוואָס בין איך געבליבן אַליין? פאַרוואָס קומט נישט די מאַמע? פיר מיך אַרויס, פיר מיך צו זיי.

מרימל. קום!

צירעלע. כ׳שרעק מיך, כ׳קען נישט.

מרימל. קום, וועסט זען, ווי דיין שוועסטער ליגט אויף דער ערד, נאַקעט, די האָר צעלאָזט, זי הייבט אויף דעם קאָפּ, און דער קאָפּ פאַלט איר צוריק אויף די שטיינער. די שטיינער טרינקען אויס איר בלוט... ווייסט, אַלע מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין די גריבער, אונטער דער ערד, און איך אויף דער ערד. כ׳האָב געפונען אַ קליין אָפּגעהאַקט פינגערל, און זיבן ציינדלעך. איך וועל זיי אויפציען אויף אַ שנירל און טראָגן אויפן האַלדז. ווילסט, קען איך דיר אויפקלויבן נאָך, ווילסט קען איך דיר ברענגען אויגן... אַזוי ווי קרעלן, זיי ליגן אַזעלכע שיינע, שוואַרצע, בלאָע. קום! ר׳ ברכיה רב, וואָס שטייט איר, ווי אַ מת... אויף וואָס וואַרט איר? אויף אַ נס... נישטאָ קיין נסים! אַלץ איז שטותים... גאָט איז בייז!... ער שעלט! אויס פּורים אויף דער וועלט...

דאָס צווייטע בילד

# יעדעס נפש

א ווינטערנאַכט אין אַ פּראָווינצער שטעטל. אַ קעלער. אַ קליין פאַרשטעלט פענצטערל. די ווענט באַדעקט מיט שימל. אין יעדן ווינקל אַ נאַרע, געלעגערם און שטרוי. אויף יעדן בינטל שטרוי ליגט עמעצער. צעוואָרפן האָלץ. קאַרטאָפל, אַ קענדל וואַסער, אויף דר׳ערד אַ קאָלירט לאַמטערל, אַ בלעכענע קוואָרט. אויף אַ בענקל זיצט די באָבע פאַראַליזירט, צוגעדריקט צו דער וואַנט. ביי אירע פיס ליגן אויף דער גאָלער ערד די אייניקלעך מאָטעלע און ברוכל. פון דער רעכטער זייט אויף דער נאַרע ליגט בלימעלע און לעבן איר צירעלע. אַ ביסל ווייטער ליגט דעם שוחטס ווייב מיט די קינדער און לייזערלען.

פון פאָרנט זיצט אויף אַ בינטל האָלץ דער חזן מיט אַ ליכט אין דער האַנט. אויף זיינע קני האַלט ער אַ ספר. נישט ווייט זיצט דער אַלטער, בלינדער, גראָער סופר. אין דער מיט, ביים לאַמטערל, ליגט מרימל איינגעהילט אין אַ צעפּליקטן טלית. אויף דער לינקער זייט, אין דער טיף, זיצט אויף אַ נאַרע און דאַוונט דער אַלטער רב. דערלעבן זיצט זיין זון שלום. קעגנאיבער, אונטערן פענצ־טערל, שטייט דער שוחט מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַנגע־שפּאַרט אויף אַ בעליק. אין ווינקל ליגן רחלע, מנחמל. טייל שלאָפן, טייל ליגן רואיק, שווייגן, חוץ דעם חזן, דעם סופר און דער באָבען.

חזן (זאָגט אַרויס פון ספר מיט אַ טרויעריקן ניגון, הוסט, פאַרשטיקט מיט דער קאַפּאָטע דעם הוסט).

סופר (שטיל). פאַרטרינקט אַ ביסל וואַסער.

חזן. אַ שאָד יעדן טראָפּן. זאָל פאַר די קינדער בלייבן.

סופר. אַ פינצטערע וועלט!

באָבע. די פיס פאַרשטיינערט, פאַרגליווערט. איך בין שוין נישט מער ווי דער שטויב, אָבער מיט זיי, מיט די קינדער, מיט די יתומימלעך, מיט זיי וואָס וועט זיין?

מרימל (זיפצט אומרואיק).

חזן. מרימל מאַטערט זיך אין שלאָף.

מרימל (אין אָנהייב נישט דייטלעך, וואָס אַ מאָל דייט־

לעבער). מאַמע, זיסע מאַמע! לאַז מיך נישט איבער (אַלע הערן זיך צו) קאַלט...

באָבע. זי קלאָגט זיך, נעבעך...

מרימל (פון שלאָף). איך בין שוין אַזוי אַלט. די הענט־לעך מיינע זענען מיד. מאַמע, נעם פון מיר צו די אויגן. איך וויל זיי נישט. קוק נישט אין זיי אַריין. מאַמע, טייערע מאַמע! נעם מיר צו די אויערן.

סופר (גייט צו נענטער צו מרימלען און זאָגט). הערט!

באָבע. איר דערשלאָגן האַרץ...

מרימל. מיינע פיס זענען צעבלוטיקט... רויט. צי דאַרט וואַקסט רחמנות מיט מאָן, כאַטש אַ לויט?

חזן (גייט צו צו מרימלען, קוקט זיך איין). רעדט פון שלאָף.

מרימל (ברעכט אויס מיט אַ געוויין).

חזן. וואָס איז דיר, מרימל?

מרימל. זעסט, זעסט! (קוקט זיך אַרום, זוכט.)

סופר. אַזאַ ווייסע טויב אין זייערע שוואַרצע הענט...

באָבע. אַזאַ ווייסע טויב אין זייערע הענט...

מרימל (שווייגט, די אויגן אומרואיק פאַרשטאַרט, דאָס קאַלירטע ליכט פון לאַמטערל פאַלט אויף איר בלאַס פּנים).

באָבע. אַזאַ חכמה, אַזאַ שיינקייט.

חזן. מרימל, אפשר ווילסטו אַ ביסל וואַסער?

מרימל (מיט פרייד, געשווינד). עס האָט זיך מיר טאַקע

געחלומט אַ וואַסער. ר׳ ישראל, (טרויעריק) מיר האָט זיך געחלומט, אַז מען בינדט מיך מיט שטריק און מען וואַרפט מיך אין וואַסער אַריין. (רעזיגנירט) אין וואַסער איז געווען אַזוי קאַלט! אין דעם רירט מיך אָן אַ האַנט, דער מאַמעס האַנט (כאַפּט זיך אויף פון געלעגער, לויפט צו צו צירעלען און וועקט זי) צירעלע, צירעלע! (צירעלע וועקט זיך אויף, אויך בלימעלע.)

ב ל י מ ע ל ע. וואָס איז, וואָס איז? זענען דאָ?

ב אָ ב ע. מרימל, וועק זיי נישט, זאָלן זיי פאַרשלאָפן דעם פּיין. (אַלע וועקן זיך בישלעכווייז.)

מ ר י מ ל. צירעלע!

צ י ר ע ל ע. וואָס? צו וואָס האָסטו מיך אויפגעוועקט? ווען נישט דו, וואָלט מיך די מאַמע געפונען...

מ ר י מ ל. וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

צ י ר ע ל ע. אַ חלום פון יענער וועלט!

ק י נ ד ע ר (כאַפּן זיך אויף, זאָגן צוזאַמען). אַ חלום פון יענער וועלט!

צ י ר ע ל ע. אַרום און אַרום איז געווען אַזוי בלאָ. ס׳איז נישט געווען קיין ערד. מ׳איז געגאַנגען אַלע דריי, איך די מאַמע און די לבנה. אויף אַ מאָל איז פינצטער געוואָרן. די מאַמע איז פאַרשוואונדן, איך בין פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. דערנאָך האָב איך ווידער דערזען די מאַמע... נאָר וואָס נענטער איך בין צוגעגאַנגען, אַלץ ווייטער בין איך געבליבן.

מרימל. כאַ, כאַ... מען שפּילט זיך דאָרט אויך אין יאַ־געלעך. מען יאָגט און מען דעריאָגט נישט...

בלימעלע. ווען מען זי זוכט אויף דער וואָר, געפינט זי אין חלום...

מרימל. איך האָב געוויינט אין חלום. מען האָט מיר צוגענומען די גאָלדענע קאַטש, גאָלדענע הערשעלעך און דעם גאָלדענעם שלום!...

שוחט. שוין וויפל נעכט נישט געשלאָפן... די געשאָכ־טענע קעלבער קוקן מיט זייערע שטומע אויגן... פרעגן פאַרוואָס... די פינגער... פאַרגאָסענע... מיט וואַרעם בלוט...

חזן. ר' אהרן, דאָס, וואָס איר שלאָפט נישט...

רב. אין זכות פון די מצוות.

צירעלע (לויפט צו). איר ווייסט? זאָל ר' אהרן וויסן, אַז די קליינטשיקע הינדעלעך, ווען מען שעכט זייערע מאַ־מעס, קומען אָן פרעמדע... און נעמען ביי זיי אַלץ צו, שלאָגן זיי און פאַרדזשיאָבן זיי. יאָ, יאָ...

מרימל. צירעלע, וואָס האָסטו געזאָגט? וואָס נענטער דו ביסט צוגעגאַנגען, אַלץ ווייטער ביסטו געבליבן. אמר אביי, פרעג איך אַ שאלה, איך, מרימל, משוגענע... שלום ברכיהם כלה... דו גייסט און גייסט... קומסט שטענדיק צוריק... (לאַכט) פון שפּינוועבס אַ בריק.

קינדער (זאָגן אַלע צוזאַמען, העכער). פון שפּינוועבס אַ בריק. (לאַכן.)

שוחטקע. שטיל, שטיל... די קינדער וועלן אונדז אומ-
ברענגען... (כאַפּט זיך אויף.)

מרימל. זעסט אוים ווי אַ מכשפה!

שוחטקע. מיט די קינדער אַן אמתע קללה... (לייגט
זיך צוריק) איך פיל נישט קיין גליד. מתים ליגן בעסער.

מרימל (הייבט אָן צו ציילן, אַנווייזנדיק). איין מת. צוויי
מתים, פינף, זעקס, זיבן, אַכט...

שלום. מרימל, הער אויף!

מרימל. אָ, שלום! (שפּרינגט צו אים צו) דו איינער
ביסט נישט קיין מת. דו ביסט אליהו הנביא! דו ביסט
דער שענסטער, דער בעסטער, איך ווייס, דו ביסט שלמה
המלך!

שלום. אַזוי, אַזוי, שטיל, שטיל... (גלעט איר קאָפּ.)

מרימל (פאַרחלומט). ווען שלום גלעט מיר די האָר,
בלאָזט אַזאַ היים ווינטל... פון אַלעטשקע מענטשן, פון אַלע
חיות און פון אַלע טשאַטשקעס... האָב איך אַממיינסטן
דיך ליב...

סופר. אַ גוטער סימן, שלום. דאַרפסט זי מקרב זיין, שלום.

מרימל. שלום, זאָג, ווי זעט אוים דיין כלה? איך ווייס...
די פּריצה פון פּאַלאַץ. גאָלדענע האָר. כ'האָב זי געזען פון
קאַשטשאָל גיין. אַ ייד מיט אַ גויע איז אַ זעמעלע אַ רויע...
מיט ראָזשינקעס פאַרקנעטן אויף פּסח אַ חלה...

**שוחטקע. שוויג!**

מרימל (גייט אוועק איבערגעשראָקן און זינגט).

אין מיינע אויגן איז תמיד טונקל,
טונקל ווי אין די שוואַרצע נעכט.
איך זוך דיך, טייערער, אין יעדן ווינקל,
מיין האַרץ גייט אויס, ווי אין שול די לעכט.

שוחטקע. משוגענע, צום זינגען איז איר איצט. (שטייט אויף.)

מרימל (באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל).

שוחטקע (גייט צוריק, פויזע). ווי שפּעט קען איצט זיין אויף דער וועלט? האַ?

שוחט. ווער ווייסט?

צירעלע. שלומען האָבן זיי צוגענומען אַ גאָלדענעם זייגער.

מרימל. איך האָב פיינט אַ זייגער. איבער אַ זייגער ווערט וואָס אַ מאָל שפּעטער. אַ ווייזער איז אַ דיבוק. זאָלסט אים בעטן פון היינט ביז... ביז משיחס צייטן, וועט ער קיינמאָל נישט וועלן גיין אַהער... נאָר אַהין...

צירעלע. ווו אַהין?

מרימל. אַהין, אַהין, איז ווייט. מען ווייס נישט ווי ווייט.

בלימעלע. אוי, ווי שטיל.

שוחטקע. באָבעשי, אַזוי שטיל געווען די גאַנצע נאַכט,

הא? איר האָט גאָרנישט געהערט, הא?

באָבע. איך האָב נאָר געהערט רייסן דעם ווינט.

מרימל. דאָס האָט געקלאָגט אַ פאַרוואָגלט קינד...

סופר. געהערט שיסן ערגעץ ווייט. מלחמה אין שטעטל... שחיטה אין שטעטל... פאַרברענט אונדזער שטעטל. און עס איז נישטאָ קיינער, זאָל... פינצטער, פינצטער... (אַלע ברומען, חזן איבער) פינצטער, פינצטער...

מרימל. זיידע, ווילסט באָרגן מיינע אויגן?

סופר. גאָלדן הארץ, אויגן קען מען נישט באָרגן... אויגן מוז מען האָבן אייגענע...

דודל. כ׳וויל אַהיים!

(דער רב זאָגט שטיל, דער חזן קוקט אַריין אין אַ ספר, מיטן ליכט אין דער האַנט. דער שוחט שטייט, די אויגן פאַרשטעלט מיט די הענט, די שוחטקע מורמלט עפּעס. מרימל און צירעלע גייען צו צום סופר און זעצן זיך שטיל צו זיינע פיס. ער שטרעקט אויס צו זיי די הענט, טאַפּט מיט די פינגער און גלעט זייערע קעפּלעך. די באָבע זיצט, דעם קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען.)

בלימעלע. באָבעשי, וואָס קען איצט זיין, טאָג צי נאַכט?

באָבע. קינד, וואָס טויג דיר וויסן? פאַר אונדז איז אַלץ איינס, צי טאָג, צי נאַכט. אַרויסגיין קענען מיר סיי ווי סיי נישט.

בלימעלע (גייט צו, מיט אַ פאַרצווייפלטער שטים, שטיל). באָבעשי, וואָס וועט זיין, אַז...

באָבע. וואָס קענסטו, נעבעך, טון? און אַז אַ רוצח באַפאַלט אין וואַלד?

בלימעלע (צו דער באָבע זייער שטיל). כ'בין קראַנק, באָבע, איך שרעק מיך... וועמען? וועמען וועל איך ברענגען אויף דער וועלט... ס'באַפאַלט מיך אַ פּחד, אַן עקל... ווען איך דערשפיר אין מיר אַ ציטער... נעמט מיך אָן אַ רחמנות... (בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, פאַרשטעלט דעם פּנים.)

באָבע. אַ גזר מן השמים, אַ שטראָף...

שוחטקע. אַ שטראָף, נו, הכלל?

מרימל. הכלל, האָניק מיט גאַל...

באָבע (פאַר זיך). גרויס איז דיין ליבער נאָמען. שיק איר אַ טרייסט.

בלימעלע (רוימט איין דער באָבען). באָבעשי, מעג מען אַזאַ קינד ליב האָבן?...

שוחטקע (הייבט אויף דעם קאָפּ). אַזעלכע זינדיקע רייד!

באָבע. יעדעם נפש איז אַ נפש, אַ צער בעלי־חיים...

בלימעלע (וויינט).

סופר. אין אַזאַ שעה... דאַרף איינער דעם צווייטן טרייסטן...

שוחטקע. אַ קעלט, עס שווידערט. (לייגט זיך.)

ר ב (הערט אויף צו זאָגן, זיפצט אָפּ, לייגט זיך אויף דער באַנק, אין דרויסן הערט זיך דער ווינט).

ש ו ח ט (זעצט זיך לעבן ווייב און קינדער, איינגעבויגן אין צווייען).

צ י ר ע ל ע. עס איז מיר קאַלט, און עס הונגערט מיך, איך וואָלט אַזוי געוואָלט עסן.

מ ר י מ ל (האַלב נאַקעט און באָרוועס, שטיל). אַז דו וועסט מיר באָרגן אַ שטיקל דערעלע, וועל איך דיר באָרגן אַ שטיקל ברויט.

ד ו ד ל. ברויט, ברויט!

מ ר י מ ל. אויסגעברענט די קנויט, אויפגעגעסן ס׳ברויט. מירצעשעם מאָרגן וועט קומען און באָרגן אַ חלה... דער טויט...

ל י י ז ע ר ל (שטיל). ברויט, מאַמע, ברויט, עסן!

ש ו ח ט ק ע (דערצערנט). עס גראָז, וואָס וואַקסט דאָ אויף דער שוועל. עסן, ברויט! סמאָלע, נישט קיין ברויט, מיין אייגן פלייש וואָלט איך אים געגעבן, כ׳בין שוין אַליין הויט און ביינער...

מ ר י מ ל. האָסט אַ בויך מיט הונגער, קענסט עסן די פינגער...

ד ו ד ל. רחלע! וואָס עסן אַנדערע קינדער? דאָרט אויף דער וועלט?

ר ח ל ע. יענע קינדער, דאָרט, קענען עסן וויפל זיי ווילן, קענען נאַשן.

מ ר י מ ל. קענען נאַשן... עסן המן־טאַשן...

צ י ר ע ל ע. נאַ דיר (נעמט פון זיך אַראָפּ אַ שיכעלע און גיט איר פון זיך דאָס דערעלע צום איינהילן.)

מ ר י מ ל (גיט איר דאָס שטיקל ברויט פון בוזעם).

צ י ר ע ל ע (פּרובירט אָפּצובייסן). אַזוי האַרט. (גיט איר צוריק. מרימל טוט אָן דעם איינעם שוך,ביידע טוליען זיך אין צירעלעס טיכל.)

צ י ר ע ל ע. אין דעם קעלער לויפן אַרום שאָטנס. איך האָב אַזוי מורא פאַר זיי... שלום!

ש ל ו ם. שלאָף, צירעלע, שלאָף, מרימל, שלאָפט! (גייט צו זיי צו, דעקט זיי צו.)

ח ז ן. אין זכות פון אייערע מאַמעס זאָלט איר ניצול ווערן פון הונגער און נויט.

מ ר י מ ל. פון אַלע זכות אבות... עסט מען פאַרשימלט ברויט...

ח ז ן (לעשט אויס דאָס ליכט, מאַכט צו דעם ספר און ציט זיך אויס אויף דער ערד). דאָס לעצטע ליכט, אַ, שווער דאָ צו ליגן. טאָמער שענקט מיר גאָט אַ שלאָף... טאָמער זוכט מען?...

ש ל ו ם. איך שלאָף נישט.

סופר. איך הער יעדן שאָרך, צוגענומען די אויגן, געבליבן די אויערן...

בלימעלע. שלום, דו שלאָפסט נישט? די מאַמע שטייט פאַר די אויגן... (קוקט אויפן פאַטער) וואָס אונדז איז געשען... טאַטע! (שטיקט דאָס געוויין.)

רב (הייבט אויף די אויגן צו בלימעלען).

השפילו שבו כי ירד
מראשותיכם עטרת תפארתכם.
זעצט אייך אראָפּ נידעריק,
וואָרום גענידערט האָט אייער קאָפּצירונג,
אייער פּראַכטיקע קרוין.

סופר. שטאַרקע דורות געווען, אַ הייליק לאַנד געהאַט... אַ בית־המקדש, אַלץ חרוב געוואָרן... דער ייד איז געבליבן. ווידער צעשטערט און פאַרברענט... און מיר לעבן... וועלן מיר ווייטער לעבן. לא אלמן ישראל.

שלום. דאָס האַרץ טוט ברומען...

מרימל (זינגט).

פאַרשטיינערט די ערד,
פאַרזשאַווערט די שווערד,
פאַרלוירן דאָס לאַנד,
געבליבן די וואַנט.

שלום. מרימל, שטיל... (דערלאַנגט איר אַ בלעכל מיט אַ ביסל וואַסער.)

מ ר י מ ל

מ ר י מ ל (טרינקט, גייט צו נענטער, דערזעט תפילין, נעמט צארט דאס תפילין־זעקעלע אין דער האנט און דריקט עס צו צום הארץ).

א זעקעלע תפילין... א תפילה!
אויף צרות א סגולה...
מיט גאלדענע דרימען...
געהאפטן דער סימן...

דאָס דריטע בילד

# קינדער רעדן צו גאָט

אין קעלער. מרימל אַ הויך דין קינד, אַ בלאַס ליכטיק פּנים מיט אַ זים טראַגיש שמייכל. שטענדיק פאַרטראַכט און שטענדיק אויף דער וואַך. איר שטים ענדערט זיך אָפט. זי איז קינדעריש און דערוואַקסן, לאַכט מיט טרויעריקן לצנות און קינדערישן שפּאַס. זי שטעלט זיך שטענדיק פון דער ווייטנס. אָפט שווייגט זי, הערט זיך צו אַלעם צו. אַרום איר זענען תמיד דאָ קינדער, אומבאַהאָלפענע און פאַרוווּנדערטע.

מרימל (זיצט אויף דער ערד לעבן שלומען, שלום זיצט אויף אַ בענקל). ווען שלום רירט מיך אָן, דאַכט זיך מיר, אַז איך פאַל, פאַל אין אַ טאָל. אין די ליפּעלעך, דאָ, ווערט אַזוי היים... שלום, דו קענסט דיינע הענט? אַזוי ווי

סאַמעט, דער פינגער אַ וו און דער אַ למד. ציטרינען, ארץ־ישראל אתרוגים! זיי שמעקן ווי שבת־אויבסט, ווי בשמים... ווי נעגעלעך. דאָ אין האַרץ זיצט אַ בין און זשוזשעט... הערסט, עס רוישן, עס שניידן זעגעלעך. פאַרוואָס ביסטו בלאַס... גראָ ווי שטויב? די מאַמע מוז שוין זיין ווייס, ווייס ווי אַ טויב. (לויפט צו צו בלימעלען.)

בלימעלע (צו שלומען). אַלץ ווערט מיר איינגעשרומפּן פון הונגער. (שטילער) ווי אַ וואָרעם... עפּעס נאַגט מיך טאָג און נאַכט... (דערשראָקן) דו הערסט? איר הערט? וואָס איז דאָס?

שלום (שטייט אויף).

סופר. שרעקט אייך נישט! (אַלע וועקן זיך.)

אַלע. זענען דאָ? שטיל... שטיל... (הערן זיך צו.)

סופר. שרעקט אייך נישט. עס דאַכט זיך נאָר!...

מנחמל. נישט־גוטע, טויטע גייען דאָ אַרום... מאַמע! טאַטע! וווּ איז מיין מאַמע? איך וויל מיין מאַמע!

שוחטקע. ווער ווייסט פון איר געביין...

מנחמל (וויינט שטיל).

שלום (גייט שטיל צו צום שוחטס ווייב). אפשר האָט איר אַ ביסן ברויט? פאַר דער שוועסטער...

שוחטקע. אַ קריש ברויט, זאָל עס זיין פאַרן קינד. זאָל עס אויסגיין, האַ? פאַרמאַרעט ווערן?...

שלום (ענטפערט נישט).

מ ר י מ ל. בלימעלע איז געוואָרן ווייס ווי קאַלעך, בלאַס... אַ ווייסער מלאך, ווי אַ פאַרחלשטע כלה צו דער חופה... איך וואָלט אויך געוואָלט חלשן... (גנבעט אַרוים פון דער שוחטקע, פון אונטערן שטרוי, שטיקלעך אַלט ברויט און גיט בלימעלען, דערנאָך דעם סופר. בלימעלע נעמט עס פּאַמעלעך, עסט, שלום שטייט לעבן איר.)

ס ו פ ר (כאַפּט דאָס ברויט, וואַקלט זיך, פאַרטראַכט זיך). ניין... (גיט עס איר צוריק.)

מ ר י מ ל (גייט צו צו שלומען). זעסט, שלום, מיינע פינ־גער, יעדער נאָגל האָט אַ שוואַרץ פלעקעלע. דאָס זענען זינד. גרויסע זינד!... (גייט צוריק, זעצט זיך לעבן צירעלען.)

צ י ר ע ל ע. מרימל, איך האָב אויך גרויסע זינד, ווייסט? איך האָב אומגעברענגט אַ קליין שוועלבעלע. אַ קליין קראַנק פייגעלע, אַזעלכע דינעטשקע פיסעלעך, פּיצינקע נעגעלעך און אויגעלעך ווי קרעלעכלעך. איך האָב עס פאַרמאַטערט.

מ ר י מ ל. דאָס איז נישט געווען אַ שוואַלב. דאָס איז גע־ווען אַ נשמה פון אַ קליין קינד...

צ י ר ע ל ע. אפשר...

מ ר י מ ל. אפשר! אַ גוטער תירוץ... האָסט געשלייסטע פעדערן אין קאָפּ, קענסט נישט רעכענען... אפשר! אַ גו־טער חשבון... (מרימל און צירעלע גייען צו צו דער באָבען.)

צירעלע. באָבע, פאַרוואָס זיצסטו אַזוי און רירסט זיך נישט?

ב אָ ב ע. פאַר שרעק, פאַרגליווערט געוואָרן.

מ ר י מ ל (לאַכט).

מ אַ ט ע ל ע. באַבע, דו וועסט קיינמאָל נישט קענען גיין? און אַז משיח וועט קומען?

ק י נ ד ע ר (חזרן איבער). און אַז משיח וועט קומען?

צ י ר ע ל ע. באַבע, איך וואָלט דיר אָוועקגעגעבן איין פוס.

ל י י ז ע ר ל. און איך וואָלט דיר אָוועקגעגעבן אויך איין פוס, וואָלסטו שוין געהאַט צוויי. יאָ, אָבער מען קען נישט אַזוי, כ׳וויים. אמת?

ב אַ ב ע (צו זיך). אַזוי פיל רחמנות... אַזוי פיל האַרץ... ביז עס ווערט נישט גרוים...

מ ר י מ ל. באַבע, וואָס טויגן דיר פים? אַ מילון שלאַנגען, מען קען דיר געבן אַ בים...

מ אַ ט ע ל ע. פאַרוואָס איז דאָס ברויט מיט שימל?

ב אַ ב ע. אין קעלער איז נאַס, דער באַבעס קלייד איז אויך מיט שימל.

מ ר י מ ל. באַבע, דיר איז בעסער! קענסט נישט גיין, קענסט נישט לויפן. אָן דעם געטומל... וועסט דיר פאַר־שפּאָרן... לאָז וואַקסן דער שימל... אויך אַ חסרון...

צ י ר ע ל ע (גייט צו). זיידעניו, דיינע שטיוול זענען אויך גרין...

ס ו פ ר. איך זע זיי נישט... איך פיל עס אין די ביינער. איך זע גאָרנישט. (רעשט קינדער לויפן צו צום סופר.)

צ י ר ע ל ע. זיידעניו, ביסט אפשר הונגעריק?

סופר. הונגעריק? ניין...

צירעלע. ביסט דאַרשטיק?

סופר. דאַרשטיק? ניין...

צירעלע. די פים זענען דיר שוין פאַרפרוירן געוואָרן? מיינע פיסלעך זענען שוין ווי שטיקער אייז... זיידעניו, זאָג, דו קענסט שוין מער קיין ספר־תורות נישט שרייבן...

סופר. אַ בלינדער סופר, יעדעס אות געדענק איך, נאָר זען וועל איך זיי שוין קיינמאָל נישט.

צירעלע. וואָס האָבן זיי מיט דיינע אויגן געטון?

מרימל. דעם זיידנס אויגן... בלאָנדזשען אַרום... זוכן דעם סופר...

צירעלע. בענקען נאָך די הייליקע אותיות.

סופר. בלינד...

מרימל. ביסט גלייך מיט אַלע. אַלע זענען בלינד... איין בלינדער פירט דעם צווייטן.

צירעלע. וואוהין, מרימל, וואוהין?

מרימל. דער סוד איז דערין.

חזן (הוסט). אַ טרונק!

שוחטקע. עס איז שוין נישטאָ קיין וואַסער.

רחלע. איך בין אַזוי דאַרשטיק. די צונג קלעפּט זיך מיר צום גומען.

צירעלע (פרייט זיך). איך האָב אַן עצה. לאָמיר טרינקען טרערן... לאָמיר נעמען אַ בלעכל, און ווער עס וועט

ווייגען, ווען מען אים אונטערשטעלן דאָס בלעכעלע. וועט מען האָבן צו טרינקען.

רחלע. נו, טאָ לאָמיר ווייגען.

צירעלע. נו, נו, טאָ לאָמיר זיך דערמאָנען אָן אַלע אונ־זוערע... (הייבט אָן צו ווייגען.)

רחלע. נו, וויין, וויין, אַ סך, אַ סך וויין, אַ סך. געשווינד... (לויפט נאָכן בלעכל און שטעלט איר אונטער. צירעלע הערט ביסלעכווייז אויף צו ווייגען, רחלע קוקט אַריין אין בלעכל.)

צירעלע (טוט אַ שלונג, לאָזט אַראָפּ דאָס בלעכל). בי־טער, איך וויל נישט.

מרימל. טרינק! ווער עס טרינקט אייגענע טרערן, וועט געהאָלפן ווערן! (קינדער זאָגן נאָך) און ווער עס טרינקט פרעמדע טרערן, וועט פאַרשאָלטן ווערן...

קינדער (זאָגן נאָך). און ווער עס טרינקט פרעמדע טרערן, וועט פאַרשאָלטן ווערן.

מרימל. טרינק וויין, טרינק, צירעלע, היינט איז שמחת־תורה!

צירעלע. שמחת־תורה! פענער מיט גלעקעלעך... רויטע עפּעלעך... די ספר־תורה איז געווען אָנגעטון אין אַ בלאָ סאַמעט מענטעלע. מען האָט געגעבן די קינדער צו קושן די תורה... ווען מען וואָלט איצט געקענט אַ קוש טון די ספר־תורה, וואָלט עס אפשר געהאָלפן...

ב ר ו כ ל (גייט צו צום חזן). מרימל זאָגט, אַז היינט איז שמחת־תורה.

ח ז ן. עס מישט זיך איר אין קעפּל. היינט איז דער ניינ־טער טאָג אין תשרי. יום־כּפּור גייט.

ב ר ו כ ל (צו די קינדער). יום־כּפּור!

ק י נ ד ע ר. יום־כּפּור, יום־כּפּור!

צ י ר ע ל ע. שלום! זינג ונתנה תוקף.

ש ל ו ם (זינגט שטיל, אַלע קינדער זינגען שטיל מיט, דער חזן זינגט מיט, פאַרגעסט זיך און זינגט וואָס אַ מאָל הע־כער און העכער, פאַלט אַריין אין עקסטאַז, שפּעטער וואָס אַ מאָל שוואַכער. זינגענדיק פאַלט ער שטיל אויף דער ערד, די ערשטע באַמערקט עס מרימל, לויפט צו, די איבעריקע קינדער אַחוץ צירעלען טוען נאָך).

מ ר י מ ל. זיידעניו, האָסט זיך דערשראָקן... (בייגט זיך צו אים אַראָפּ און הערט זיך צו, רופט צו צירעלען) צירעלע, קום, וועסט זען, ווי מען שטאַרבט...

צ י ר ע ל ע. כ'האָב מורא, מרימל, לאָז מיך! שלום! זע, ר' ישראל... (אַלע לויפן צו צום חזן.)

ש ל ו ם. וואָס איז אייך? ענטפערט!

ח ז ן. יידן, איך שטאַרב... וואָס זאָל איך דאָרט זאָגן?... (שטאַרבט.)

ש ו ח ט ק ע. ער לעבט שוין נישט...

ר ב (גייט צו צום מת, אַלע טרעטן אָפּ, קוקט אים לאַנג אָן,

זאָגט). ברוך דיין אמת... (זאָגט שטיל ווייטער פאַר זיך. דער שוחט נעמט דעם חזנס טלית און דעקט צו דעם טויטן, שוחטקע צינדט אָן זיין ליכט.)

צ י ר ע ל ע (גייט צו צום טויטן). ר׳ ישראל, זאָגט גאָט, אַז ביי אונדז איז פינצטער און קאַלט. ווען וועט מען שוין אַרויסגיין? פאַרצייל, זיידעניו, פאַרצייל אַלץ. (בלייבט שטיין איבערן מת.)

ל י י ז ע ר ל (גייט צו נענטער). זאָג אויף יענער וועלט, אַז דער טאַטע האָט שוין נישט קיין כוח, אַז דער מאַמען קלאַפּט טאָג און נאַכט דאָס האַרץ, אַז משהלע איז שטום געוואָרן פאַר שרעק און דאָס קליינע קינד איז שוין אויך נישטאָ... (בלייבט.)

ר ח ל ע (גייט צו און בייגט זיך צו צום מת). אַז מען איז תמיד הונגעריק און דאַרשטיק, אַז עס איז נישטאָ קיין ברויט און עס איז נישטאָ קיין וואַסער. (בלייבט.)

מ נ ח מ ל. זאָג דעם רבונו של עולם, אַז איך בין געבליבן איינער אַליין. דעם טאַטן און די מאַמען האָט מען אַוועק־געפירט, איך ווייס נישט וואוהין. זאָג דער מאַמעליו, אַז זי האָט מיך אָפּגענאַרט. זי האָט געזאָגט, מנחמל, זיי שטיל, בעט גאָט, איך קום באַלד צוריק, און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען...

מ ר י מ ל (בסוד). שוטה, נאַר, מען האָט זי פאַרברענט...

מ נ ח מ ל. כ׳ווייס, אָבער זאָל זי צוריקקומען, זאָל זי מיך נישט איבערלאָזן אַליין...

ברוכל (לויפט צו און זאָגט געשווינד). לאָז גאָט מיר שיקן אַ זעמעלע... (לויפט צוריק.)

צירעלע. געדענק, זיידעניו, זאָג אים, אַז בלימעלע איז שוין גראָ געוואָרן, אַז זי בענקט נאָך דער מאַמען... און... וויינט. טאָמער זעסטו די מאַמען, זאָלסטו איר גאָרנישט זאָגן, זאָלסט זי נישט מצער זיין.

מרימל (זעצט זיך לעבן מת, רעדט שטאַרק). זאָלסט נישט פאַרגעסן צו גריסן דעם טאַטן, די מאַמען, אמן. און אים זאָג, איך, מרימל, שיק אים אַן עצה... אַלע, אַלע יידן צוזאַמענצוקלויבן. שוואַרצע טעג, צעהאַקטע שויבן... אויב אַזוי, זאָל ער אַלע נעמען דאָרט אַהין... אַ גלייכער וועג... מרימל דעם דיינם פרעגט... איז דער תירוץ... אַ פאַרזשאַ־ווערטע זעג. אמר אביי, האָב איך, מרימל, אַ טענה, אַז מען נעמט צו אַ מאַמע, פאַרוואָס נישט יענע, נאָר דווקא מיינע. און גיב טאַקע דעם רבונו של עולם צו פאַרשטיין... איך בין אַ גולם, איך בין אַ שטיין...

שוחטקע. טאַטע געטרייער, האָסט קיין רחמנות נישט, מיט אַ מת אינאיינעם... (אין דעם הערט מען שיסן, אַ גערויש, אַ געפילדער, טופען פון פיס, געשרייען, אין קעלער אַ צעמישונג און אַ שרעק.)

סופר. זענען דאָ... (אַלע פאַרציטערט, אַלע כאַפּן זיך אויף.)

שוחטקע. לאָמיר אַנטלויפן!

שטימען. וואהין? וואהין?

בלימעלע. וואהין? וואהין?

צירעלע. כ׳האָב מורא.

מרימל. אַ חתונה... זאָגט ווידוי פאַר דער גסיסה... שרעק זיך נישט, צירעלע, (גיט איר אירם אַ שטיקל ברויט) נעם, עס, ס׳איז זעמעלעך זיסע.

שלום. קומט, קומט! (העלפט צוזאַמענעמען זאַכן, וויל זיי אַרויספירן. יעדער נעמט צונויף זיינע זאַכן אין געאייל. מען הערט ווידער די פרעמדע, שווערע טריט, עס הערט זיך האַקן שויבן, אַלע לויפן אין אַ טונקל ווינקל צו דער וואַנט, פרעסן זיך צוזאַמען, איינער קלאַמערט זיך צום אַנדערן. אַלע שווייגן.)

שוחטקע. גרויסער גאָט! געשווינד! לעשט אויס די ליכט ביים טויטן! (לויפט צו און לעשט אויס.)

באָבע (רופט). קינדער! מיט די קינדער וואָס וועט זיין?

קינדער. באָבע, באָבע!

סופר (בלאַנדזשעט אַרום מיט אויסגעשטרעקטע הענט, רופט). צירעלע, מרימל!... דערלאַנגט... אַ הענטל, פירט מיך אַרויס... כ׳זע גאָרנישט...

מרימל (פירט אים אַרויס, קומט באַלד צוריק).

קינדער. באָבע, באָבע! (לויפן צו איר צו.)

באָבע. קינדער! (ווערט ווי פאַרשטיינערט.)

מ אַ ט ע ל ע. וואָס וועט מיט אונדז זיין, מרימל?

מ ר י מ ל. שעפּעלעך, ציגעלעך, קליינינקע הינדעלעך, אַז אַ ברכה, מיט אַ ברכה, אַלע וועט מען שעכטן.

מ אַ ט ע ל ע. זאָג, מיט אַ חלף?!

מ ר י מ ל. אַ חלף איז כשר, אַ האַק איז טרפה (נעמט צו דאָס לאַמטערל, זאָגט צו די קינדער) קומט, איך וועל אייך פירן... צו כותל מערבי שפּאַצירן... (קוקט זיך איין אין דעם לאַמ־טערל) נאָך איין פונק איז געבליבן. (גייט צו צום מת) ר׳ ישראל, שטייט אויף, שטייט אויף! ביי אונדז אין שטעטל האָט מען מתים פון די קברים געשלעפּט. די טויטע יידן זאָלן נאָך אַ מאָל שטאַרבן... זיידע, שטייט אויף! ר׳ ישראל, שטייט אויף! שטייט אויף!

ק י נ ד ע ר (אַלע צוזאַמען). שטייט אויף, ר׳ ישראל, שטייט אויף!

דאָס פערטע בילד

# מוראַשקעס איז בעסער...

א פאר חדשים שפעטער... אן אנדער שטעטל. א קעלער־שטוב, א סלופ אין מיטן און צוויי סלופעס פון בײדע זײטן שפארן אונטער דעם באלקן. א פענצטער פארשטאפט מיט שמאטעס. א קלײנע הילצערנע טיר. ביי די ווענט בענק, אויף זיי געלעגערס. א פאר אויסגעלייגטע ברעטער אויף דער ערד. עס הענגט אן אנגעצונדן לעמפל. אין ווינקל ברענט א ליכט אין א לייכטער. עס שטייען באזונדער צוויי דינע ליכטלעך. פרייטיק צו נאכט. אומעטום זעק, פעק און קלומעקלעך מיט זאכן. קוישלעך, קעסטלעך, שנורן, קריגלעך, שעפלעך, פלעשער, שיך, מלבושים. אויף די בענקלעך לעבן די מענער ליגן טליתים, סידורים, ספרים.

מ ר י מ ל

צירעלע זיצט אויף דער ערד אויף א טוך נעבן מרימלען. מרימל זיצט אנגעלעגט אן סלופּ אין דער מיטן באלויכטן פון דער ליכט. אנגעטון אין א ווייס העמד מיט לאנגע אָרבל. א רויט, קורץ, ברייט קליידל. אויף די לענדן א חסי־דיש, שווארץ גארטל. אויפן הארץ אנגעהאנגען א מזוזה. בארוועסע פיס. מאטעלע, ברוכל, לייזערל און רחלע זיצן צוזאמען ביי דער וואנט אויף די זאכן. די יינגלעך זענען אנגעטון אין קאפּאטקעלעך, טייל אין העמדלעך מיט ארבע־כנפותלעך, טייל אין היטלעך, אנדערע אין קאפּעלעך. בלי־מעלע זיצט איינגעבויגן אויף א באנק. די שוחטקע ליגט קעגנאיבער אויף דער ערד אויף די ברעטער, אונטערן קאפּ אונטערגעלייגט שמאטעס. אויף דער רעכטער זייט זיצט די באבע אנגעשפּארט אויף א סלופּ. אויף דער לינקער זייט,ביים סלופּ, זיצט דער סופר. ביי דער הינטערוואנט אויף א בענקל זיצט דער רב, פאר אים א קליין טישל, אויפן טישל א פּאר ספרים און לייכטערס מיט ברענענדיקע ליכט. דערלעבן זיצן דער שוחט און שלום, זיי דאווענען שטיל. אין דער מיט אויף א קאסטן ליגט דאס קראנקע קינד דודל.

מ א ט ע ל ע. עס הונגערט מיך... עסן... עסן...

צ י ר ע ל ע. טרינקען... וואסער... ברויט, א פּיצל, א פּי־צעלע...

ב ר ו כ ל. א קרישל... כאטש א קרישקעלע וויל איך...

צ י ר ע ל ע (צו זיך). ס׳מוז בלייבן פאר מיין שוועסטער בלימעלע, זי איז קראנק... זי וועט האבן א קינד...

ליזערל. אוי, עסן...

מרימל. עס אותיות, חיתן, טיתן...

רחלע. כ׳האָב אַן עצה, לאָמיר אויסטראַכטן עסן, גוט? אַזוי אומישנע, מען קען אַלץ האָבן... לאָז זיך אונדז דאַכטן...

ברוכל. עס וועט העלפן?

רחלע. אוודאי, ברוכל, מען וועט ווערן זאַט... אַ ביסל זאַט... (מאַכט זיך עסן) איך עס איצט אַ פּלעצעלע מיט מאָן...

ברוכל. אויף אַ רעכטן אמת? (האַלב וויינענדיק.)

רחלע. דאַוון, בעט גאָט, וועט ער אונדז צושיקן.

צירעלע (צו מרימלען). זאָג, ס׳איז אמת, וואָס דו האָסט געזאָגט? אַז גאָט דאַוונט קיינמאָל נישט?

מרימל. אוודאי, צו וועמען? ווער איז גאָטס גאָט?

צירעלע. און ווער האָט באַשאַפן גאָט?

מרימל. גולם, נאַר... גאָט.

צירעלע. זיך אַליין באַשאַפן?... ווי זעט אויס גאָט?...

מרימל. ס׳איז אַ סוד... אַ סוד...

ליזערל. מרימל, משוגענע, זי איז צעמישט. (רירט אָן די מזוזה.)

מרימל. ריר נישט אָן. ס׳איז ער! שלום!

ברוכל (גייט צו צו דער באָבען). באָבע, זאָג ס׳איז אמת

וואָס מרימל זאָגט? אַז מיט הונגער קויפט מען אָפּ די עברות? אַז טרערן קענען אָפּמעקן זינד? זאָג, באָבע, איך האָב אַ סך זינד? איך ווייס נישט? (בסוד צו דער באָבען) איך האָב אַ פעדערל פון אַ פייגעלע, כ'האָב אַ קליינטשיק פודעלע מענטשעלעך. איך האָב דאָס אַלץ געפונען דאָ אין קעלער, איך האָב דאָס אַלץ באַהאַלטן, אַז קיינער זאָל נישט זען, מען זאָל עס מיר נישט צונעמען. דאָס איז אַ זינד, באָבע? יאָ, אַ זינד? זאָג?

באָבע. ניין... דו האָסט שוין אָפּגעקויפט... תשובה גע־טון...

צירעלע. מרימל, ווילסט עסן, איך ווייס... וואָס האָסטו זיך ווידער פאַרטראַכט?

מרימל. צי קען אַ לייב אַ בים טון אַ פליג? (קינדער לאַכן.)

צירעלע. אַלץ איז ביי דיר פאַרקערט. אַ פליג קען אַ בים טון אַ לייב. ווען זאָמד וואָלט געווען בלאָ, וואָלט גע־ווען שענער, אמת?

רחלע. און ווען די וואָלקנס וואָלטן אַראָפּגעפאַלן, וואָלט מען געזען, וואָס עס טוט זיך אין הימל, אמת?

מרימל. איך ווייס! אַלע טויטע קינדער און אַלע טויטע יידן קוקן צו אונדז אַראָפּ און רעדן...

צירעלע. און מיר הערן זיי נישט.

מרימל. די גאַנצע וועלט הערט נישט... זי איז טויב.

מ נ ח מ ל (גייט צו). ווייסט, אונדזער קעצעלעם באָבעשי (קינדער לאַכן) איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם געטומל. מען האָט עס צעטראָטן, דאָס קיזשעלע האָט געגעסן פּאַפּיר. גלויבסט מיר נישט? פון הונגער... איך האָב אויך גע־געסן פּאַפּיר.

ר ח ל ע (שטיל צו צירעלען). דעם שוחטס ווייב, ווען זי איז בייז, זאָגט זי, איך האָב גאָרנישט פאַרן קינד, כ׳וועל אים געבן סמאָלע. און אַז זי וויינט, זאָגט זי, צו וואָס דאַרף מען האָבן קינדער, אַז עס קומען גזלנים און שעכטן זיי אוים. ס׳איז נישט קיין וועלט, זאָגט זי, ס׳איז אַ ווילדער וואַלד.

מ נ ח מ ל. האָסט שוין געגעסן אַ מאָל סמאָלע?

ר ח ל ע. ניין!

צ י ר ע ל ע. און ליים? געדענקסט, ווען מען האָט אונדז געטריבן, האָב איך געגעסן בלאָטע און גראָז און האָלץ.

ר ח ל ע. מען ווערט קראַנק. איך האָב געטרונקען וואַסער פון אַ זומפּ. דאָרט זענען געלעגן טויטע פערד און אַ סך סקעלעטן...

צ י ר ע ל ע. וואָס איז דאָס סקעלעטן?

מ ר י מ ל. מענטשן־ביינער... ס׳איז שוין קיינער...

צ י ר ע ל ע. און וואָס האָט מען געטון מיט דודלען?

ט ר י מ ל. זיי האָבן אים אויפן מיסט געוואָרפן.

צ י ר ע ל ע. אַך ניין, ניין. כ'וויל שוין קיינמאָל נישט שטאַרבן, קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט! (וויינט שטיל.)

ר ח ל ע. בין איך קראַנק געוואָרן... וואָס דעמאָלט איז געווען... אוי! עס זאָל שוין קיינמאָל אַזוי נישט זיין. זיי האָבן געזוכט יידן, ס'קינד האָט געוויינט, האָט מען עס פאַרשטופט ס'מיילעכל מיט אַ שמאַטע, די מאַמע האָט געשריגן עס וועט זיך דערשטיקן... מען האָט זיך אַלע געמוזט מאַכן פאַר טויטע, זיי זענען צוגעלאָפן און מיך האָבן זיי געטראָטן מיט די שטיוול. משהלען, דעם שכנס יינגעלע, האָבן זיי געקאַפּעט מיט די פיס, געפּרוווט, צי ער לעבט, און די קליינע פייגעלע, ווייסט, די פון די לאַנקעס, האָט איינער דורכגעשטאָכן ס'בייכעלע און שפּעטער זענען זיי אַוועקגעריטן אויף די פערד, האָבן זיך געזונגען און געלאַכט... דערנאָך איז געוואָרן שטיל. עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. מיין ברודערל שלמהלע, מיט דער שמאַטע אין מיילעכל, האָט שוין נישט געלעבט... און פייגעלע איז אויך געשטאָרבן... אין וואַלד האָבן די פייגל אַזוי שיין געזונגען, און דאָס טייכל דערלעבן האָט גערוישט, און אפילו די פליגן האָבן געזשומשעט אַרום אונדז... נאָר מיר האָבן געמוזט זיין שטיל און שווייגן ווי טויטע...

צ י ר ע ל ע (זיפצט אָפּ). מוראשקעס איז בעסער פון אונדז, זיי דאַרפן זיך נישט אויסבאַהאַלטן, דאַרפן זיך נישט אַרומוואַלגערן (פאַרטראַכט זיך, גייט צו צו בלימעלען) בלימעלע,

פאַרוואָס נעמט מען צו די יידן ס'לעבן? (בלימעלע שווייגט.)

סופר. נישטאָ קיין ענטפער...

מרימל. די ערד ענטפערט נישט, דער הימל ענטפערט אויך נישט...

צירעלע (צו מרימלען האַלב וויינענדיק, זייער שטיל). פאַרוואָס הרגעט מען יידן? מרימל... זאָג... ווען וועט מען אונדז אויך הרגענען?... היינט?...

מרימל. ניין...

צירעלע. היינט וועט מען אונדז נאָך נישט הרגענען?...

מרימל. ניין... היינט נישט...

צירעלע (מיט פרייד, רואיקער). אַבי נישט היינט... כ'האָב אַזוי מורא צו שטאַרבן... די גרויסע האָבן אויך מורא פאַרן טויט... (וויינט שטיל) פאַרוואָס מוז מען שטאַרבן?

מרימל. ווייל מען מוז געבוירן ווערן.

בלימעלע (דערהערט עפּעס). דאַכט זיך, אַז צירעלע וויינט... (רופט זי) צירעלע, זיס קינד... קום אַהער... פאַר־וואָס וויינסטו?...

צירעלע (גייט צו). ניין... איך וויין נישט.. בלימעלע.. איך וויין נישט...

בלימעלע (טוליעט צירעלען צו זיך, ווישט איר מיט דער פאַטשיילע די טרערן). אָרעם טייבעלע... מיין

איינציק שוועסטערל... הארץ מיינס... וויין נישט... וויין נישט...

צירעלע. ווייסט, בלימעלע, עס האט זיך מיר געחלומט אונדזער מאמעליו. זי האט געהאלטן אין די הענט די זיל־בערנע לייכטער, אונדזערע לייכטער, די וואס זענען גע־בליבן... (פארטראכט זיך) פארוואס איז די מאמע נישט געווען פון זילבער?... וואלט זי אפשר אויך געבליבן... (בלימעלע שווייגט, ענטפערט נישט.)

שוחטקע. שלאפן... שלאפן...

מרימל (שטייט אויף). שוחטס ווייב... אז דו שלאפסט, שעלטסטו נישט?... תמיד שלאפן... און אז דו וועסט זיך אויפוועקן, וועסטו שוין זיין א טויטע...

צירעלע (לויפט צו צום רב, זאגט שטיל). טאטע, מיר חלומט זיך תמיד די מאמע, אין חלום שטייען אויפן טיש בעכערלעך מיט וויין, אזוי ווי אמאל אין דער היים. דאס רויטע סאמעטענע טישטעכל און צוויי ווייסע חלות...

מרימל (גייט צו צום רב). אין חלום פליט מיין טאטנס טלית... זיינע תפילין און זיין מוציא־מעסער. די שול איז פארמאכט, עס הענגען דארט שלעסער, אנגעצונדענע הב־דלות פליען הויך... ס׳טוט מיר ווי דער קאפ... עס דרייט זיך מיר דער מוח... (פארטראכט זיך) צי קען פון א טלית... ווערן צוויי חלות?...

שוחטקע. רעדט דבורים... מען קען זי נישט פארשטיין...

מ ר י מ ל. אויב דו קענסט נישט פאַרשטיין, מאַך אַ ברכה און זאָג אמן!...

ב ל י מ ע ל ע (מיט שווידער פאַרוואָרפט דעם קאָפּ). אַ האָגל... אַ מבול?...

ש ו ח ט ק ע. און די וועלט שווייגט, שווייגט... און דער רבונו של עולם... שווייגט...

ס ו פ ר. ועל בית יהודה אפקח את עיני, און אויף דעם הויז פון יהודה וועל איך האַלטן אָפן מיינע אויגן, אַזוי האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו אונדזערע נביאים. ס'וועט נאָך קומען דער טאָג דער גערעכטער...

ש ו ח ט ק ע (שטייט אויף, גייט אומרואיק צו צו דעם פאַר-שטעלטן פענצטערל, שטעלט זיך אָפּ, קוקט אַרום דורך אַ שפּאַרע, זאָגט דערשראָקן בסוד). מען יאָגט עמעצן... (אַ געשריי פון דער ווייטנס) מען שרייט... (אַלע ווערן אומ-רואיק, וואַרטן. מען הערט אַ שאָס) שטיל געוואָרן... דער-שאָסן... נאָך אַלעם... (גלייכט זיך אוים, צע-שפּרייט די הענט) פאַרוואָס איז אַזוי שטיל, ווען מען פּיי-ניקט אונדז?!... פאַרוואָס איז אַזוי שטיל, ווען מען קוי-לעט אונדז?!...

דאָס פינפטע בילד

# דודלס שטאַרבן

קעלער־שטוב, אין אַן אַנדער שטעטל. ווינטער. מענטשן ווי טונקעלע פלעקן, ווי קנוילן שמאַטעס. די ווענט שוואַרץ, נאַס. מען פילט דעם פראָסט. עס בלאָזן ווינטן דורך די שפּאַרעס. שטרויענע געלעגערס. דער קעלער איז לאַנג און ברייט. אינעווייניק, אין דער טיף פון באַלקן, פירן צו דער ערד הילצערנע שטיגן. דערנעבן אַ באַרג מיט שטיינער. אויף דער זאַמדיקער ערד אין אַ ווינקל אַלטע בלעך, אייזן און אַ סך שטריק.

בלימעלע (דערשראָקן). ש! ש! שטיל... עפּעס רירט זיך, דאַכט זיך, אַ שאָטן רוקט זיך... דאָרט (הייבט זיך אויף, לויפט צו צום צווייטן קעלער) מען זעט נישט... ס'איז פינצטער... פינצטער און שוואַרץ...

שלום (גייט צו, קוקט זיך צו, גייט אַרוים, קומט באַלד צוריק). נישטאָ, נישטאָ קיינער...

בלימעלע. עס וועלן אויסגיין די לעצטע ליכט, וועלן מיר בלייבן אין דער פינצטער. דרויסן איז טאָג, דרויסן איז ליכטיק...

סופר. ככה אמר רב אשי... גאָט איז מיט די אָרעמע און מיט די עלנטע...

באָבע. מען הערט אַלץ נישט דעם שופר של משיח.

סופר. אַזוי איז באַשערט...

מרימל. אַ קבר די ערד...

בלימעלע (הערט זיך צו). שווייגט... ווידער אַ שאָרך... ווער איז עס?

שלום (גייט צו צו בלימעלען). קיינער נישט... קיינער נישט...

סופר. מסתמא די קינדער פון צווייטן קעלער... ס׳איז דער פחד פאַרבליבן.

בלימעלע. אייביק פחד, אייביק שרעק... אַ קינד נאָך, האָב איך טאָג און נאַכט מורא געהאַט. שטענדיק געלעבט אין שרעק, פאַר יעדן פון זיי זיך געשראָקן. איך האָב געציטערט פאַרן וועכטער, געשראָקן זיך פאַר אַ זעלנער... אַ זעלנער האָט אַ שווערד, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט... אַממיינסטן האָב איך מורא געהאַט פאַר אַ שייגעץ. יעדער שייגעץ אין געסל קען אין מיר וואַרפן שטיינער, און

איך האָב נישט געוווסט פּאַרוואָס. פֿון קינדוווייז אויף איי־
ביק פּחד, אייביק שרעק...

סופר. אין די אויגן נאַכט... אַלץ איז שוואַרץ... (שטרעקט אויס די האַנט.)

צירעלע. זיידעניו, ווילסט עפּעס? פֿירן דיך?

סופר. צירעלע, מלאכל, איך געדענק דיך, (גלעט זי) גאָלדן קעפּל, ביסט ליכטיק, אַלץ אַרום דיר לייכט. איך געדענק איך, קינדערלעך, איך געדענק די זון... דער זיידע וואָלט געוואָלט ווידער זיינע אויגן האָבן, כאָטש אויף איין רגע... רפאנו ה׳ ונרפא, הושיענו ונושעה, כי תהלתנו אתה, הייל אונדז, גאָט, מיר זאָלן געהיילט ווערן, העלף אונדז, גאָט, מיר זאָלן געהאָלפן ווערן.

בלימעלע. שטיל... כ׳הער טריט! עמעצער גייט... ש! ש!
(קינדער לויפן צו צו דער פאַרשטעלטער טיר, הערן זיך צו.)

שוחטקע. די קינדער רעשן... צוליב זיי ציטערט מען נאָך מער...

באָבע. דער אויבערשטער היט אונדז...

לייזערל (צו דער שוחטקע, וואָס זיצט און שיילט פון אַ שמאַטע אין אַן ערדן טעפּל אַ פּאָר קאַרטאָפל). מאַמע, גיב מיר אַ שאָלעכצל פֿון די קאַרטאָפל.

שוחטקע. ס׳מוז בלייבן, מען וועט עס נאָך קאָכן... ס׳איז נאָך דאָ אַ קריש האָלץ.

לייזערל. נו, טאָ גיב מיר די פאַרפרוירענע.

שוחטקע. צו וואָס?

לייזערל. ווען איך וועל זיין שטאַרק הונגעריק...

שוחטקע. מען דאַרף נישט, וועסט קראַנק ווערן.

לייזערל. טאַ גיב מיר די קאַרטאָפל, די ווערעמדיקע.

שוחטקע. אַז מען וועט נישט האָבן, וועט מען עסן מיט ווערעם, ביז מען וועט אַזוי... אויסגיין.

לייזערל. אַז מען שטאַרבט, איז דאָך בעסער... דאַרף מען דאָך נישט עסן... נישט אמת, מאַמע?

רחלע (קומט צוריק פון דער טיר). ס'איז שטיל... אין גאַנצן שטיל...

שוחטקע. קינדער, גייט, גייט אַהין... אין ווינקל אַריין... שפּילט זיך... נאָר שטיל... (קינדער גייען אויף די שפּיץ פינ־גער אין ווינקל אַריין.)

קינדער. לאָמיר זיך שפּילן אין אַ שפּיל...

מרימל. אַ שפּיל... אַ שפּיל... דער טייוול דרייט די מיל...

לייזערל (שטיל). לאָמיר זיך בעסער דערציילן מעשיות... פון רביים... פון גוטע יידן...

מנחמל (גרויסט זיך). פון אַלעקסאַנדער רבין, זכרונו לברכה, ווייסטו? און פון גערער רבין ווייסטו?

לייזערל. אוודאי ווייס איך, פון אַלע רביים ווייס איך... פון ווילנער גאון ווייסטו? מיין טאַטע שטאַמט פון ווילנע...

מאַטעלע. מיין באָבעשי, וואָס איז געלייטט, האָבן גע־בענטשט אפשר הונדערט רביים...

מ ר י מ ל. פון הונדערט רביים געוואָרן אַ ליים!...

ל יי ז ע ר ל. דעם אַשמינער רבין האָט איר אַ מאָל געזען?... איך האָב אים געזען מיט מיינע אייגענע אויגן! ער איז אַ צדיק! גאַנצע טעג פאַסט ער, און שלאָפט אויף אַ האַר־טער באַנק. ביים טיש זיצט ער נאָר מיט אָרעמעלייט, מיט קראַנקע און מיט קאַליקעס. און יום־טוב זיצט ער מיט בלוי־זימשקע יתומים, אַנדערע זענען עס נישט זוכה, אפילו דער גרעסטער גביר איז נישט זוכה צו זיצן מיטן רבין ביי איין טיש, ווייסטו. ווייל אין גן־עדן זיצן די צדיקים אַרום דעם כסא־הכבוד, אָבער די אָרעמע זיצן נאָך נענטער ווי די צדיקים, זיי זיצן אין ערשטן סדר.

מ ר י מ ל. אוודאי... דאָ אָפּגעקומען ס'חיבוט־הקבר...

ל יי ז ע ר ל. פאַרשטייסט? יידן ברענגען אים גאַנצע זעק מיט מעל, דער רבי הייסט באַקן חלות אויף שבת, און עס קומען אורחים פון אַלע שטעט און דערפער, עסן זיך אָן אויף אַ גאַנץ יאָר, ווייל אין די חלות פון אַשמינער רבין ליגט אַ ברכה, אַז מען איז מער נישט הונגעריק. פאַר־שטייסט?

מ נ ח מ ל. אוודאי פאַרשטיי איך.

מ ר י מ ל. אוודאי, אַז מען פאַסט, איז מען נישט הונגעריק...

מ נ ח מ ל. מיין זיידנס זיידע איז געווען אַ קאָצקער חסיד, און דער קאָצקער רבי איז געווען דער גרעסטער רבי, קיין מענטש האָט נישט געהערט זיין קול, ער האָט געשוויגן

און נישט גערעדט קיין איין וואָרט גאַנצע אַכצן יאָר, פאַר־שטייסט?

לייזערל. הם... און ווו איז ער יעצט?

מנחמל. ווער ווייסט? ס'איז מלחמה... הם... ווען מען זאָל קענען צו אים פאָרן און אים אַלץ דערציילן, וואָלט ער אפשר געהאָלפן, עס זאָל קיין מלחמה מער נישט זיין.

רחלע. שוין, גענוג... לאָמיר זיך בעסער שפּילן... איך וועל זיין אַ יתומה... אַן אָרעם קינד... איך וועל קומען נאָך אַ שטיקל ברויט, און עטץ וועט זיין גבירים... און עטץ וועט אויף מיר שרייען... און מיך אַרויסוואַרפן...

צירעלע. ניין... איך וויל זיין אַ יתומה, אַן אָרעם קינד... איך!

רחלע. דו האָסט דאָך נאָך אַ שוועסטער, (קלאָגט זיך) און איך האָב שוין נישט... דו האָסט נאָך אַ טאַטן און איך נישט... דו האָסט אַ ברודער... איך האָב קיינעם נישט... איך בין אויף אַ רעכטן אמת אַ יתומה...

מרימל. ביסט אַ יתומה... וועסט זיין אַ שמש ביי פרעמדע מאַמעס...

צירעלע. מיר האָט גאָט צוגענומען מיין מאַמעליו... זיי האָבן...

רחלע. אָבער מיר האָט גאָט צוגענומען אַלע... אַליטשקע...

צירעלע. ווייסט, אַז מיין ברודער שלום איז אַ למדן... ער האָט סמיכות...

מ ר י מ ל. יחוס... סמיכות... לוחות... און... רציחות...

צ י ר ע ל ע. נו, איז וואָס...

מ ר י מ ל. האָסט אַ הויקער אויף דער נאָז... (לאַכט.)

ר ח ל ע. מרימל, הער אויף... רעד נישט פון וועג... טאָ לאָז מיר זיך שפּילן אין אַ מאַרק... וועט מען האָבן גוטע זאַכן...

ק י נ ד ע ר. יאָ, יאָ... גוט, גוט...

ר ח ל ע (שטעלט אַ בענקל פאַר זיך, וואָס דאַרף כלומרשט דינען פאַר אַ טישל מיט עסנווארג, שטעלט צירעלען אַוועק ביים בענקל ווי אַ סוחרטע. אויפן טישל ליגן כלומרשט פלייש, עופות און געבעקס. ווענדט זיך צו צירעלען). גיבן זי מיר, יענטעלע, יויכן־פלייש... בריסט און בראָטן... גענדזענע לעבערלעך און צוויי הינדעלעך... שאַדט נישט... איך בין רייך... כ'האָב געלט... כ'קען באַצאָלן...

ב ר ו כ ל (גייט צו). גיבן זי מיר... זעמעלעך... מיט פּוטער... בייגעלעך, קיכעלעך... און מאַקאַראָנדעלעך... כ'האָב אַ סך געלט...

צ י ר ע ל ע. איצט איך, רחלע... איך, איך... איך וועל זיין אַן אָרעמע מאַמע... און בעטן פאַר די קינדער... וואַרטס (נעמט פון דער נאַרע אַ טוך, אַ שמאַטע, וויקלט זיך אַרום, מאַכט זיך פאַר אַן אָרעמע) גיטס עפּעס פאַר די פּיצעלעך... גיטס עפּעס פאַר די ברעקעלעך... (גייט צו נאָענט צום טישל, צו רחלען.)

ר ח ל ע ־ ס ו ח ר ט ע. אַ גאַנצן טאָג אָרעמעלייט... אַן אמתע

פלאָג, אַן אָפּקומעניש... רבונו של עולם! פון וואַנען נעמט זיך דאָס אַזוי פיל?

קונהטע (אַ מיידעלע פון שטעטל, זייער אָרעם אָנגעטון, ווייזט אָן אויף זיך). איך בין אויסגעפּוצט... עטץ זעט... איך טראָג אַ זיידן קלייד, עטץ זעט... אַ הוט מיט פעדערן... אַ סאַמעטענעם מאַנטל... און אַ בייטעלע מיט אַ גאָלדן קיי־טעלע אויף דער האַנט... (מאַכט נאָך) אָפּגעריסן, אָפּגע־שליסן... איך עקל מיך... איך מיאוס מיך...

צירעלע־אָרעמע (גייט אַרום, בעט). גיט פאַר די קליי־נע קינדערלעך...

רחלע־סוחרטע (דרייט אַוועק דעם קאָפּ). גייט, גייט געזונטערהייט... נישטאָ וואָס צו געבן... גאָט וועט אייך צו־שיקן...

צירעלע־אָרעמע. גיט פאַר די יתומימלעך...

קונהטע. ווי ווערט מען זיי פטור, טאַטע געטרייער... (טרעט אָפּ, צירעלע גייט אַוועק.)

מרימל. האָסט מיט אים אַ וויכוח... טו אוים די שיך...

רחלע־סוחרטע. מענטשן טייערע, לאָמיר זיך נאָר אַרומקוקן... זי האָט עפּעס צוגענומען הינטער דער פאַטשיי־לע... אפשר טאַקע אַ ברויט. יאָ, אַ ברויט... קינדער, יאָגט איר נאָך!

קונהטע. מען דאַרף אָנזאָגן קינדס־קינדער... מען טאָר זיי נישט אַריינלאָזן, די אָרעמעלייט, איבער דער שוועל.

מ ר י מ ל. טאַקע אַ קשיה וכדומה למשל... געגנבעט אַ ברויט... קומט איר תפיסה... די קינדער דער טויט...

קונהטע. נישט זינדיקן זאָל איך מיט די רייד... געבן זי מיר, מלכהלע, אַ פונט געצוקערטע מאַנדעלעך. ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט... און צוויי פונט האָניק־קיכעלעך. מיינע קינדער האָבן עס זייער ליב האָניק־קיכעלעך...

ר ח ל ע ־ ס ו ח ר ט ע. מהיכא־תיתי... זיי צעגייען אין מויל. עסט געזונטערהייט... אַן אָרעמאַן נישט... און אַ גביר אויך נישט ?

קונהטע. אוודאי... פון גאָטס גאָב דאַרף מען געניסן...

ר ח ל ע ־ ס ו ח ר ט ע (דערלאַנגט כלומרשט די געקויפטע סחורה).

מ ר י מ ל. לאָקשן בוידעם, עסן קודם...

ש ו ח ט ק ע. איר הערט, ווי זיי פּלאַפּלען... די קינדער פאַר־געסן זיך... (צו די קינדער) נו, געננוג, זאָל זיין שטיל... (קינ־דער רייסן איבער די שפּיל.)

ב ל י מ ע ל ע. חלומען... פאַר הונגער... ווילן עסן...

ב אָ ב ע. נעבעך... הונגעריק... דאָרשטיק... דודל רופט אַ גאַנצן טאָג, וואַסער... מסתמא איינגעשלאָפן ס'קינד.

ד ו ד ל (ליגט אויף אַ קאַסטן שטיל, וועקט זיך). וואַסער! צירעלע, וואַסער! (וויינט זייער שטיל.)

צ י ר ע ל ע. וויין נישט, דודל, ביסט קראַנק? (רירט אָן זיין קאָפּ, זאָגט צו די קינדער) דודל איז קראַנק! ער האָט

היץ. (בייגט זיך צו אים צו מוטערלעך) ווייַן נישט, וויין נישט, (גלעט אים, טרייסט אים) וועסט שטאַרבן... וועסט זען דאָרט אין הימל דיין מאַמעליו, דעם טאַטן... וועסט דאָרט טרעפן דיינע שוועסטערלעך...

ד ו ד ל (שוואַך, גוטמוטיק). אָבער ווען וועל איך שוין שטאַרבן? איך וויל באַלד שטאַרבן... געשווינד... דאָ איז קיינער נישטאָ און דאָרט זענען דאָ אַלע... גיב מיר וואַסער, איך וויל טרינקען...

צ י ר ע ל ע. וואַסער? ס'איז נישטאָ קיין וואַסער, די פּאָמפּ איז טרוקן.

ד ו ד ל (קרעכצט אָפּ). אַז ס'איז מלחמה, טאָר מען נישט עסן, נישט טרינקען?

צ י ר ע ל ע. מען טאָר. גאָט האָט נישט פאַרבאָטן. נאָר די מענטשן, די גרויסע טוען אַזוי...

ד ו ד ל. אַז כ'וועל דאָרט געזונט ווערן, וועל איך צוריק־קומען צו ענק. אַז איך וועל בעטן גאָט, ער זאָל מיך לאָזן כאָטש אויף אַ ביסל אַראָפּקומען צו דיר, וועט ער מיך לאָזן? צירעלע, אַז איך וועל בעטן די מלאכים, וועלן זיי מיך פאָלגן? צירעלע!

צ י ר ע ל ע. אוודאי, דודל. מלאכים אין הימל פאָלגן די קינ־דער. אין הימל שרייט מען נישט אויף קיינעמען, אויף די קינדער אויך נישט, און מען שלאָגט נישט קיינעמען, אפילו די קינדער שלאָגט מען קיינמאָל נישט!

ד ו ד ל. קיינמאָל? און דער רבי?

צ י ר ע ל ע. שלאָף, שלאָף איין, דודל, אפשר וועט זיך דיר חלומען אַ וואַסער, וועסט אַ טרונק טון, וועסט זיך אָנ־טרינקען...

ד ו ד ל. וואַסער קריגט מען דאָך בחינם, אָן געלט. נאָר פֿאַר ברויט נעמט גאָט געלט, פֿאַר וואַסער נישט! ברענג מיר וואַסער!

צ י ר ע ל ע. ליג שטיל, דודל, ס'איז מלחמה, מען קען נישט אַרויסגיין. אַז מען גייט אַרויס, קומט מען שוין מער נישט צוריק, מען מוז זיך באַהאַלטן.

ד ו ד ל. פֿאַרוואָס? און דאָרט אויף יענער וועלט זענען אויך דאָ מלחמות?

צ י ר ע ל ע. ניין, דודל, דאָרט לעבט מען בשלום, דאָרט האָט איינער דעם צווייטן נישט פֿיינט, דאָרט האָט איינער דעם צווייטן ליב, דאָרט נעמט מען זיך אַרום, דודל.

ד ו ד ל. ווען איך וועל אַראָפּקומען, וועל איך מיטנעמען פֿאַר ענק אַ סך וואַסער און אַ סך ברויט. אָן שימל... איך וועל דיר דערציילן...

מ ר י מ ל. סודות פֿון הימל...

צ י ר ע ל ע. וועסט אפשר טרעפֿן דאָרט מיין מאַמעליו, וועסט זי דערקענען, זי איז אין אַ ווייס שפּיצן־טיכעלע אויפֿן קאָפּ. זי פֿלעגט דיר תמיד געבן קיכעלעך, געדענקסט?

ד ו ד ל. קיכעלעך... (זיפֿצט אָפּ.)

צ י ר ע ל ע. זאָלסט איר נישט אויסזאָגן, אַז מען ליגט אין אַ

קעלער, זי וועט וויינען, געדענק, זי וועט האָבן עגמת נפש.

דודל. מען וועט מיך אַריינלאָזן?

צירעלע. אוודאי, דודל, דיך אוודאי און אוודאי, דו ביסט דאָך דוד המלכם אייניקל, מלאכים וועלן אַרומרינגלען דיין נשמהלע און וועלן דיך פירן גלייך אין הימל אַריין.

דודל. מען זאָל מיך נאָר דערקענען?

צירעלע. דו וועסט זאָגן, אַז דו ביסט דודל. מען וועט דיר אויפמאַכן די טירן פון גן־עדן, די מאַמעליו האָט מיר שטענדיק געזאָגט, אַז מיר זענען ביי גאָט גרויסע יחסנים. ווייסט? ווייל מען שטאַמט פון אונדזערע אבות! ווייסט?

מרימל. פאַר הייליקע אבות שלעפט דער מלאך־המות...

דודל. מרימל, שרעק מיך נישט, כ׳האָב מורא, מרימל, צירעלע, קומט מיט מיר מיט!

צירעלע. שלאָף, דודל, שלאָף...

דודל. אפשר וועלן מיך באַפאַלן שדים?

צירעלע. ניין, דודל, אין קעלער הענגט אַ מזוזה! דער זיידע האָט אויפגעהאָנגען די מזוזה, קיין שדים קענען שוין נישט צוקומען.

דודל. כ׳האָב מורא!

צירעלע. שלאָף איין, דודל, שלאָף איין, שלאָף איין, איך וועל דיך איינשלעפערן. (זינגט)

שלאָף, דודל, שלאָף איין,
אפשר וועט דיר בעסער זיין...

דוד המלך שפּילט פאַר דיר,
דאָס קליינע פייגעלע זינגט מיט מיר...

מרימל. שלאָף, דודל, שלאָף, הא, למד, וו.

צירעלע (זינגט). דרימל, דודל, דרימל,
ס'שטייט אַ וויגעלע אין הימל,
אַ שיין גאָלדן וויגעלע,
מיט האָניק... אַ פול קריגעלע,
שלאָף, דודל, שלאָף...

מרימל. שין, הא, תו, ס'איז דער לעצטער שלאָף...

צירעלע. שטיל, דודל, שלאָף, שלאָף איין...

רחלע (קוקט אים אָן, באַטראַכט אים). פאַרוואָס איז ער אַזוי בלאַס, אַזוי ווייס?

לייזערל (רירט אָן דודלס הענטל). רחלע! פאַרוואָס איז דאָס הענטל אַזוי קאַלט?

מרימל. דאָס קינד איז שוין טויט... און קאַלט... הערסט? מען שפּילט אין הימל... דודל קומט אָן! קומט אָן באַלד! (מען הערט פידל-טענער, די קינדער שטייען אַרום דודלען.)

רחלע (גייט צו צו בלימעלען, זאָגט איר בסוד). בלימעלע! דודל איז געשטאָרבן...

בלימעלע. וואָס רעדסטו, רחלע? שלום! (לויפט צו, בייגט זיך איבערן קינד, שלום גייט צו) דודל, קליין דודל, דודל מיין קרוין, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכטל.

## מרימל

שוחטקע. אהרן, שטיי אויף! (שטייט אויף, לויפט צו צו דודלען) דודל איז שוין נישטאָ... רבונו של עולם, דודל! געווען עלנט ווי אַ שטיין... (קוקט אויפן טויטן קינד) און דאָס האָט דאָך אַמאָל געלאַכט, געפרייט זיך... און איבער דעם האָט אַ מאַמע געציטערט. דודל, דודל...

בלימעלע. דאָס פאַריתומט פייגעלע, דאָס פרום, שטיל מלאכל. געשטאָרבן אָן זינד...

מרימל. און גאָט? גאָט זינדיקט נישט? איך בין אים נישט מוחל...

שוחטקע. יעצט? אין אַזאַ סכנה, אין אַזאַ חורבן, וואָס טוט מען מיט אים?

באָבע. דעקט צו דאָס עופהלע, מען טאָר נישט אַזוי, דעקט אים צו. (מען דעקט אים צו מיט אַ טוך.)

מנחמל (גייט צו צו דער באָבען). איך וועל אויך באַלד שטאַרבן, באָבע? איך וויל אויך שטאַרבן... דאָרט איז דאָ ברויט, דאָרט איז דאָ וואַסער...

באָבע. גאָטס ווילן... אפילו אַ פליג אויף דער וואַנט רירט זיך נישט אָן גאָטס ווילן...

ציר עלע. דודל זאָל נאָר מצליח זיין, ער זאָל נאָר אָנקומען דאָרט, ער זאָל נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן, אַזאַ מהלך...

לייזערל. דודל זאָל חס וחלילה נישט מחלל שבת זיין...

שוחטקע. קינדער, גייט אַוועק, לייגט זיך שלאָפן, גאָט ברוך הוא וועט אים שוין דאָרט באַלוינען.

מ ר י מ ל. אַ גוטע בשורה, פּסח וועט מען עסן מצה שמורה, פריער טויט, דערנאָך ברויט...

ב ל י מ ע ל ע. דער חזן, יעצט דודל דאָס שעפּעלע, אין דעם חושך, אין דער פינצטערניש, ווער ווייסט, ווער גייט נאָך זיי. מיר טראָגן שוין אַלע תכריכים... מען וואַרט... דודל, דודל... פאַר הונגער, פאַר קעלט. די קינדער, ווי פאַרשראָקענע, אַלטע מענטשן... שטאַרבן שטיל, ווי צדיקים.

ס ו פ ר. איין גורל.

ר ב (הייבט אויף דעם קאָפּ פון ספר, באַמערקט אַלעמען שטיין אַרום דודלען. שטייט אויף פון בענקל, גייט פּאַמעלעך צו צו דודלען און שטעלט זיך נעבן אים. אַלע טרעטן אָפּ, זאָגט שטיל פאַר זיך). ה׳ נתן וה׳ לקח. ברוך דיין אמת. (אַלע שטייען אַרום, הערן זיך צו און שווייגן.)

ס ו פ ר (שטייט אויף פון בענקל, מיט אויסגעשטרעקטע הענט גייט צו צו דודלען, זוכט זיינע הענטלעך, באַרירט אים און בלייבט אַ רגע, גייט איבער אויף דער צווייטער זייט, זאָגט דערשיטערט און פאַרלוירן). באו מים עד נפש!

ש ל ו ם (טרעט אָפּ אָן אַ זייט). פאַרוואָס איז דער וועג פון רשעים מצליח? וואָס ווילסטו, גאָט, עס זאָל מיט אונדז געשען? גיב מיר כוח... כוח! פאַרוואָס בין איך אַזוי אַליין... פאַרוואָס קען איך נישט אַרויסגיין קעגן זיי? איך וויל אונדז אַרויספירן אויף דער ליכט! ווי אַזוי זאָל איך עס טון?! דער טויט שטייט אויף דער שוועל... גאָט! פאַר־וואָס מוזן מיר אין דיין נאָמען נאָר שטאַרבן? צי האָסטו

אונדז אויף דעם באַשאַפן ? פאַרוואָס זאָל איך נישט קענען אין דיין נאָמען לעבן ? איך וויל פאַר מיין פאָלק לעבן...

שוחטקע (ברעכט די הענט, כאַפּט זיך ביים קאָפּ). אַן אַ שיער, אַן אַ מאָס !...

מרימל. (רוימט איר איין). שוחטס ווייב, ס׳איז נישט על פי דין, ס׳איז על פי טעות...

באָבע. מען דאַרף, די קינדער זאָלן קריאת־שמע זאָגן. מען דאַרף די קינדער זאָלן שלאָפן גיין.

סופר. קינדער, קומט צו נענטער, כ׳וועל מיט אייך קריאת־שמע לייענען. (קינדער רינגלען אַרום דעם סופר. פירן אים צו צום בענקל.)

צירעלע. זאָגט קריאת־שמע, נאָר שטיל, שטיל. (אַלע קינדער און דער סופר זאָגן שטילערהייט קריאת־שמע, פון דער ווייטנס שטילע מוזיק.)

לייזערל. ווער ווייסט, צי דודל וועט צוקומען ביז צום הימל ?

צירעלע. פון דער נשמה וואַקסן אַרוים פליגל און ער פליט, אין איין רגע איז ער דאָרט...

ברוכל. איך ווייס אַ סוד ! אַ שיינע זאַך ! מנחמל, ווייסט? אין קעלער, דאָרט אין ווינקל, וואַקסט גרין גראָז, אַן אמת גרעזל. איך וועל מיר דאָרט מאַכן אַ גערטל.

מנחמל. גיי... ס׳איז שימל.

צ י ר ע ל ע (לויפט צו קוקן). אוי, קינדער, אַ גליק! אַ גליק! דערנעבען וואַקסט אַ בלימעלע! אַן אמת בלימעלע! (פאַלט צו צו דער ערד און שמעקט צום בלימעלע.)

ב ר ו כ ל. נישט אַזוי שטאַרק, וועסט עס צעברעכן!

ר ח ל ע. אַן וואַסער, אַן זון וועט עס פאַרטריקנט ווערן.

מ ר י מ ל. ווילסט, קען איך דיר געבן. איך האָב באַהאַלטן דאָ אין האַרץ די זון, די לבנה און די שטערן! איך האָב נאָך דעם הימל... און דעם רעגן! איך האָב דאָ אין האַרץ ירושלים די שטאָט, איך וועל אים דאָרט פירן... אויף עולם ועד...

ב ר ו כ ל. איך וועל דאָס בלימל היטן, איך וועל נישט לאָזן עס זאָל פאַרטריקנט ווערן.

צ י ר ע ל ע. ברוכל, גיב דאָס בלימעלע אַ מתנה פאַר דודלען.

ב ר ו כ ל. פאַר דודלען... גוט (קינדער צוזאַמען) פאַר דודלען... (צירעלע רייסט אָפּ דאָס בלימעלע און טראָגט עס אין דער האַנט פאָרויס. קינדער גייען פּאַמעלעך צו צו אים.)

ש ו ח ט ק ע (האַסטיק). קינדער, גייט אַוועק! (קינדער טרעטן אָפּ, צירעלע בלייבט מיטן בלימל אין דער האַנט. שוחטקע קוקט לאַנג אויף דעם טויטן קינד, הייבט אויף דעם קאָפּ צום הימל) פאַרוואָס האָסטו אים צוגענומען?! טויטע קינדער פעלן דיר?...

צווייטער טייל

# אין דער פרעמד

# כ אָ ר

אָרגל-מוזיק

זאָלסט נישט איבערגעבן צו אַ חיה
די זעל פֿון דיין טורטלטויב.

אַזוי ווי אַ הינד
דורשט צו די וואַסער-קוואַלן,
אַזוי בענקט אונדזער נשמה
אויסגעלייזט צו ווערן.

דאָס זעקסטע בילד

# קינדער טראַכטן אוים פרייד

אין אַ פרעמד שטעטל. לײדיקע שטובן, באַלויכטן פון טאָג־ליכט דורך די גרויסע פענצטער. אויף די פענצטער ווײסע פאַרהאַנגען. די שטוב איז פול מיט אַלט־גביריש מעבל. קינדער שלײכן זיך אַרײַן שטילערהייט אין די שטובן.

רחלע. פוסטע שטובן... אין גאַנצן לײדיק... קיינער איז נישטאָ... אַלע זענען אַנטלאָפן...

צירעלע. וווּ זענען זיי אַלע אַהינגעקומען?

קינדער. וואַהין?

רחלע. ווער ווייסט...

לייזערל. זיי האָבן זיך ערגעץ באַהאַלטן.

מ נ ח מ ל. און אפשר האָט מען זיי געפונען און אװעקגע־פירט...

ק י נ ד ע ר. אַזוי פיל זאַכן... אַלץ איבערגעלאָזט. (עפענען פאַמעלעך די שאַנק) אַזוי פיל מלבושים, אַזוי פיל קליידער, קליידלעך, שיך. זעט, װיפל זאַכן! (קינדער באַטראַכטן די זאַכן.)

ל י י ז ע ר ל (עפנט אַ ספרים־שאַנק). סידורים, מחזורים, אַ טלית מיט אַ ספר!

מ ר י מ ל. ריר נישט אָן דעם ספר, ער דאַװנט יעצט... נישט דאָ די יידן, דאַװנען די ספרים אַליין... זאָגן תהילים.

צ י ר ע ל ע. בעטן פאַר זיי... זילבערנע לייכטער מיט לעכט...

מ ר י מ ל. ריר זיי נישט אָן, דו זעסט נישט? זיי ברענען, האָבן זיך אַליין אָנגעצונדן. (גייט צו דער שװעל, קוקט אויף דער מזוזה) די מזוזה איז געבליבן, אָפּגעהיטן אַלע זיבן...

ב ר ו כ ל (אויפהייבנדיק פון דער ערד). אַ קאַפּעלע... אַ טלית־קטן... אַ מעסערל, אָן אמת מעסערל, אַלץ איז געב־ליבן... גאָרנישט מיטגענומען.

מ אַ ט ע ל ע. דאָ קען מען זיך שפּילן אין אָן אמתער שטוב. װי אין דער היים. (קינדער איילן זיך אָפּצושפּילן, כל זמן זיי זענען אַליין.)

ר ח ל ע. דאָ װעט זיין דער רביצינס שטוב, אַזוי װי אַמאָל ביי צירעלעס מאַמע. די רביצין װעט האָבן אַ טאָכטער אַזוי װי בלימעלע, זי װעט אַ כלה װערן, מען װעט זיך

גרייטן צו תנאים, גוט? צו אַ שמחה... מען וועט זיך פריי־
ען... עס וועט זיין פריילעך!...

קינדער (חזרן איבער מיט פרייד). עס וועט זיין פריי־
לעך... מען וועט זיך פרייען!

רחלע. איך וועל זיין אברהם גאָלדשמידס ווייב, אַזוי ווי
ליבע־איטעלע. און די מחותנתטע און די כלה וועלן אויס־
קלויבן מתנות צו תנאים און דרשה־געשאַנק צו דער חתונה.
איך וועל מיטברענגען צירונג און מתנות פאַרן חתן און
אַלץ אויסשטעלן, גוט?

קינדער. יאָ... יאָ... יאָ... גוט!

רחלע. אסתרל, דו וועסט זיין די כלה, גוט? לעבן דיר
וועט זיצן די שנור שיינדעלע, גוט?

שפרהלע. איך וועל זיין די באָבע, איך. איך וועל שאָק־
לען מיטן קאָפּ, אַ באָבע מוז שאָקלען מיטן קאָפּ און ציטערן
מיט די הענט, אַזוי ווי מיין באָבעשי, און אַלע מינוט דאַרף
זי זאָגן, (מאַכט נאָך) געזונט זאָלסטו זיין, מען זאָל אַלע גע־
האָלפן ווערן!

רחלע. און אַרום וועלן זיצן די קרובים און די גאַנצע
משפּחה.

מרימל. די גאַנצע משפחה אַ מערכה און הצלחה... די
כלה, דער איידעם זיצן ווי שדים...

צירעלע. און אָרעמעלייט, אמת?

קינדער (אין טראַנס פון שפיל).

ל י י ז ע ר ל. בעלי־בתים און פרעמדע יידן פון שטעטל. זיי וועלן קומען צו דער שמחה אָנגעטון יום־טובדיק.

יי נ ג ל ע ך. יאָ... יאָ... יאָ...

מ נ ח מ ל (טרויעריק). מיין טאַטע וועט דאָ נישט זיין, מען האָט אים דערהרגעט...

ב ר ו כ ל (באַקלאָגט זיך). מיין מאַמע וועט אויך נישט זיין, זי איז נישטאָ. און דער טאַטע איז אויך נישטאָ... מ'וואַרט, זיי זאָלן לעבן... כ'וויל נישט.

צ י ר ע ל ע (הערט זיך צו, ווערט מיט אַ מאָל אַנטשוויגן, אומעטיק, גייט צו צו מרימלען, זאָגט צו איר שטיל). מרימל, קום, קום אַרויס, איך וויל מיך מער נישט שפּילן. איך האָב מיך דערמאָנט... (צעוויינט זיך שטיל, קינדער באַמערקן עס.)

ק י נ ד ע ר. צירעלע וויינט שוין ווידער.

ר ח ל ע (לויפט צו צו צירעלן). גיי, ביסט נישט קיין קלוגע, עס איז דאָך אַ שפּיל, נישט אויף אַן אמת. דאָ איז דאָ אַזוי פיל זאַכן און קיינער וועט נישט שרייען אויף אונדז.. און מען דאַרף נישט רעדן שטיל, מען דאַרף נישט גיין אויף די שפּיץ פינגער. (צירעלע שטייט אַוועקגעדרייט, ווישט די טרערן) חבר צי ברוגז? קומטס, מען וועט זיך ווייטער שפּילן. (קינדער באַרואיקן זיך און שטעלן זיך צוזאַמען.)

אסתרל (צו רחלען). און איך, די כלה, וואָס וועל איך טון?

רחלע. וועסט זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווייל אַ כלה מוז זיך שעמען. דער חתן וועט זיצן אין דער צווייטער שטוב און קוקן פון דער ווייטנס אויף דער כלה. און אַז מען וועט דיך בענטשן מיט ברכות, זאָלסטו דאַנקען און מאַכן אַ מינע... אַ כלה מוז געפעלן און מאַכן חנדלעך.

מרימל. פון אַלע חנדלעך בלייבן ביינדלעך...

צירעלע. איך ווייס שוין, איך וועל זאָגן אַ סך מאָל אמן... אמן... דער השם יתברך זאָל געבן פאַר אונדזערע קינדער מזל און גליק.

רחלע (צו צירעלען). אַז מען וועט דיר ווינטשן, זאָלסטו אַרויסנעמען ס'טיכעלע און וויינען... ווייל אַ מאַמע מוז וויינען, מוז זיך אויסוויינען ס'האַרץ...

שפרהלע. איך בין די באָבע, איך וועל זאָגן, דער אויבערשטער זאָל אונדז צושיקן געזונט און יאָרן און נחת פון די קינדער... אמן... אמן...

מאָטעלע. און וואָס וועט רעדן מיין באָבע? די, וואָס זי קען זיך נישט רירן?

רחלע. איך ווייס... זי זאָגט שטענדיק, דער ליבער נאָמען זאָל אין אונדז נישט פאַרגעסן, זאָל אויסהערן זיינע קינדער!

לייזערל. אַזוי רעדט מען נישט אויף קיין תנאים.

מאטעלע. מיין קראנקע באבע דארף אויך זיין אויף דער שמחה. ווער וועט זיין מיין באבעשי?

רחלע. קיינער נישט... זי איז געליימט, זי קען נישט גיין, זי קען נישט קומען.

מאטעלע. (גייט אוועק). איך שפיל מיך נישט.

קינדער. און ווי וועלן זיי זיין אנגעטון?

רחלע. די כלה וועט זיין אנגעטון אין א בלא קלייד מיט רוזשקעלעך. אויפן האלדז אמתע קרעלן, און נייע, העלע פאנטאפעלעך, און אויסגעקעמט, פארפלאכטענע צוויי לאנ־גע צעפ.

שפרהלע. און די שנור?

רחלע. די שנור וועט זיין אנגעטון אין א גרין, זיידן קלייד מיט בענדער, אויפן האלדז א גאלדן זייגערל, אויף די הענט פינגערלעך, אויפגעקעמט מיט לאטשקעלעך. זי וועט זיצן אזוי (מאכט נאך) ברוגזדיק, ווייל א שנור דארף אויסזען ברוגזדיק.

שפרהלע. און די רביצין?

רחלע. די רביצין אין א ברוין סאמעטן קלייד, מיט א זיידן טוך, אויסגעשטיקט מיט בלומען, מיט א זיידן קופ־קעלע, מיט שפיצקעלעך און געלע פעדערלעך. אין די אוי־ערן לאנגע דימענט־אויריגלעך, און אויפן הארץ א גאל־דענע קייט.

צ י ר ע ל ע. דערנאָך וועט קומען די מחותנתטע, אויסגע־פוצט אין אַ פלושענעם דאַלמאַן, מיט דער מומען. די מומע וועט טראָגן אַ גרויס טערקיש טוך, ווייסט, אַזוי ווי די מומע שרהלע.

ק י נ ד ע ר. און מיר?

צ י ר ע ל ע. איר וועט זיין אָנגעטון אין ראָזע, בלאָע קליי־דעלעך.

מ ר י מ ל. בלאָע מיידעלעך...

צ י ר ע ל ע. אין רויטע שיכעלעך.

מ ר י מ ל. מיט טרערן־טיכעלעך...

צ י ר ע ל ע. מיט ווייסע שלייפן אין די צעפלעך.

מ ר י מ ל. מיט קרוינען אויף די קעפלעך...

מ אַ ט ע ל ע. און דער חתן? און די מחותנים?

ל י י ז ע ר ל. זיי וועלן זיין אין שוואַרצע צייגענע און אין זיידענע קאַפּאָטעס. דער רב וועט גיין אין אַ שטריימל.

ר ח ל ע. יעצט מוז מען אָרויפשטעלן אויפן טיש אַ סך גוטע זאַכן צום עסן, ס׳איז דאָך אַ שמחה, אַ גרויסע שמחה! לאָ־מיר אַלץ אַרויפשטעלן. (קינדער נעמען צוזאַמען פאַרשי־דענע כלים, טעלער, טעלערלעך, פלעשער, קאַראַפקעס, גלעז־לעך, קלאָשן, לייכטערס, וואָס זיי געפינען נאָר. עס ווערט אַ גערודער, אַ פאַרעריי, אַלע רעכענען אוים יעדע זאַך

הויך, רחלע ווייזט אָן) דאָ שטייען בולקעלעך, פוטער־קוכנס, לעקעך.

צ י ר ע ל ע (ווייזט אָן). און דאָ ליגן וויינטרויבן, עפּל, באַר־נעם און פלוימען. מען וועט באַלד מכבד זיין.

א ס ת ר ל. און ווען וועלן שוין זיין די מתנות ?

צ י ר ע ל ע. איך בין די רביצין.

ר ח ל ע. עטץ וועט ווינטשן, זאָגט אַלע מזל־טוב, מזל־טוב, רביצין.

ק י נ ד ע ר. מזל־טוב... מזל־טוב, רביצין. מזל־טוב, מלכהלע.

צ י ר ע ל ע. מזל־טוב, מען זאָל פון היינט אָן אָפּגעהיטן ווערן פון צער, מען זאָל דערלעבן בלויזע שמחות ביי יידן, אמן !

ל י י ז ע ר ל. איצט איך. (מיט אַ גראַבער שטים זאָגט און רעכנט פאַמעלעך אוים) דער רב שענקט פאַרן חתן אַ מגילה אויף פּאַרמעט געשריבן. מיט גאָלדענע אותיות און צוויי גאָלדענע לייבן. אם ירצה השם צו דער חתונה קריגט ער פון זיין עלטער־זיידן, דעם אַשמינער רבין זכרונו לברכה, אַ טלית מיט אַ זילבערנער עטרה.

ק י נ ד ע ר. אַזאַ מתנה ! אַזאַ מתנה !

ר ח ל ע. יעצט וועל איך קומען מיטן צירונג, מיטן שמוק און מיט די מתנות. זוכט אוים אַ קוישעלע, פודעלעך און פּאַפּירלעך. (קינדער געפינען עס, דערלאַנגען איר, צירעלע זעצט זיך ביים טיש, קינדער אַרום דעם טיש.)

קינדער־געסט (צו צירעלען). מזל־טוב, רביצין, מזל־טוב!

רחלע. זאָל זיין באַשערט! זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק! דער שידוך אַן אמתער זיווג, קיין עין־הרע, אַזאַ איידעם, אַ בן־יחיד און אַ עלוי! און אַ מחותן האָט אייך גאָט צוגעשיקט אַ תלמיד־חכם, דעם שענסטן גביר פון שטעטל. אַ שידוך, קיין עין־הרע! ס'שאַדט נישט... ס'שאַדט נישט, רביצין, אַזאַ צנועה ווי אייער אסתרל, אַזאַ טאָכטער איז אַ טאָפּלטער נדן, אַ שיינקייט שענער פון דימענט און פון פּערל. ס'איז טאַקע באַשערט! וואָס קלויבט זיך אוים די רביצין און די כלה זאָל לעבן? (הייבט אָן ארויסצונעמען פון קוישל, פון פודעלעך, אימיטירט באַוועגונגען.)

מאַטעלע. פאַרן חתן אוודאי אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ קלינגער און אַ גאָלדענער קייט.

צירעלע־רביצין. אוודאי, אוודאי, פאַרן חתן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

רחלע (נעמט אַרוים כלומרשט דעם זייגער). גאָלד, עכט גאָלד! אַן אמתער זייגער, כ'האָב אים נעכטן אָנגעשטעלט, ער גייט ווי אַ זייגער!

מרימל (נעמט אין דער האַנט דאָס פודעלע). ס'פעלט אַ ווייזער אין דעם זייגער, אַזאַ מנהג אַזאַ שטייגער. דער זייגער גייט, דער ווייזער שטייט...

רחלע. זי איז נעבעך צעמישט.

מ ר י מ ל. טפש, גיי לערנען חומש...

ר ח ל ע (ווייזט ווייטער). פאַר דער כלה אַ פּאָר ציטער־נאָדלען, אַ בראָשקעלע, אַ פייגעלע מיט אַ גאָלדן בלימעלע אין שנאָבעלע, אויסגעזועצט מיט שטיינדלעך! אַ גאָלדן בראַסלעטל מיט בריליאַנטעלעך! און פערל, זעקס שנירלעך זאַמדפערל, אָפּגעקויפט פון אַ טייער מענטש, פון אַ צדיקת, כשרע פערל! צו דער חתונה, אם ירצה השם, מען זאָל דערלעבן געזונטערהייט, דרשה־געשאַנק פאַר חתן־כלה. (שטעלט אויס אַלץ כלומרשט אויפן טיש) אַ חנוכה־לאָמפּ, אַ גאָלדן בשמים־ביקסל פון ארץ־ישראל! אַן אתרוגים־פושקעלע, געבליבן פון קוטנער רב. און זעקס זילבערנע בעכערלעך מיט אויסגעקריצטע אותיות, אליהו הנביא׳ס כוס, אַ טייערע זאַך, שטאַמט פון אַ גרויסן גוטן ייד...

ק י נ ד ע ר. אוי, ווי שיין! (אַנטציקן זיך) אוי, ווי טייער!

ל י י ז ע ר ל (מיט אַ הויכן ערנסטן טאָן זאָגט אָן). צו דער חתונה קריגט די כלה פון חתנס צד אַ פּאָר דימענטענע אוירינגלעך! אַ ירושה פון חתנס באָבע, דער מחותנתטעס מאַמע, עליה השלום, חנה־רויזע דער מורה הוראה׳טעס פון מאָהילאָוו.

ר ח ל ע (נעמט אַלץ צוזאַמען). כ׳לאָז ענק אַלץ איבער, קלויבט זיך אויס, וואָס אייער האַרץ גלוסט נאָר... דער השם יתברך זאָל העלפן ביי אַלע קינדער אין פריידן.

צ י ר ע ל ע. אמן, אמן, אַ יישר כוח, אַ יישר כוח, ליבע־איטעלע.

רחלע (קוקט זיך אַרום). קיין עין־הרע, קיין עין־הרע, טאַקע גבירים.

מרימל. גבירים... אָן יסורים...

קינדער. און די קרובים? נישטאָ די קרובים!

רחלע. אָרעמע צי רייכע?

צירעלע, מאַטעלע, ברוכל (ענטפערן). אָרעמע! אָרעמע!

רחלע, לייזערל, מנחמל. רייכע! רייכע!

צירעלע. ניין, ניין, אָרעמע!

רחלע (צו צירעלען). וועסטו זיין מיין אָרעמע מומע חיהלע, גוט? טו דיך איבער. (צירעלע טוט זיך איבער געשווינד אַנדערש פון די געפונענע מלבושים) און דו (ווענדט זיך צו מאַטעלען) מיין קראַנקער פעטער זלמן, דו (ווענדט זיך צו שפרהלען) אונדזער שכנטע, גיצעלע מרשעת. מנחמל וועט זיין איר מאַן, ר׳ זיינוול דער גביר. ווייסט דאָך שוין ווער.

מנחמל. אוודאי ווייס איך, איך געדענק אַלע.

רחלע. איך וועל יעצט זיין די רביצין מלכהלע. (צו צירעלען) גיב מיר דיין קופקעלע. (צירעלע דערלאַנגט איר דאָס קופקעלע און רחלע טוט זיך איבער.)

צירעלע. גוט, מען וועט קומען צוזאַמען.

מ ר י מ ל. ביסט משוגע? אַן אָרעמאַן מיט אַ גביר... וועסט שטיין הינטער דער טיר.

ר ח ל ע. אַז ער וועט קומען און ווינטשן מזל־טוב, וועל איך זאָגן מזל־טוב, טאַקע אַ זכיה אַזאַ גאַסט! זעצט אייך דאָ פון אויבן אָן. (צו די קינדער) גבירים זעצט מען פון אויבן אָן...

צ י ר ע ל ע. ניין, אַן אָרעמאַן טאָר מען נישט פאַרשעמען, איך ווייס...

ר ח ל ע. איך ווייס בעסער, איך בין עלטער פון דיר. פאַר אַ גביר האָט מען דרך־ארץ. זיי וועלן קומען שפּעטער, אויף אַ גביר מוז מען וואַרטן, אויסקוקן דורכן פענצטער, אַלע מוזן וואַרטן.

ל ײ ז ע ר ל. סיי ווי סיי טאָר ער דאָ נישט זיצן צווישן די נקבות, ער וועט זיצן אין צווייטן חדר, לעבן רב... אַזוי זוי ס׳איז דער דין. (צירעלע און מאַטעלע גייען אַרוים און קומען באַלד ווידער, אַלם אָרעמע מומע חיהלע און קראַנ־קער פעטער זלמן.)

צ י ר ע ל ע ־ ח י ה ל ע. גוט שבת, מלכהלע! מזל טוב! מזל־טוב!

מ אַ ט ע ל ע ־ פ ע ט ע ר ז ל מ ן. מזל־טוב, מזל־טוב... מל־כהלע.

ר ח ל ע ־ ר ב י צ י ן. גוט שבת, ס׳זאָל טאַקע זיין מיט מזל,

אַ יישר כוח וואָס איר זענט געקומען, געזונט און שטאַרק זאָלט איר מיר זיין... וואָס מאַכסטו, חיהלע?

צ י ר ע ל ע ־ ח י ה ל ע. וואָס זאָל איך מאַכן? מ׳האָט אַ נייעם חזן אין שול.

מ אַ ט ע ל ע ־ פ ע ט ע ר ז ל מ ן. אַ חזן? וואָס הייסט אַ חזן? מען דאַרף זיין אויף אַזאַ חזן אַ מבין, ער זינגט פּונקט ווי דער בערדיטשעווער.

צ י ר ע ל ע ־ ח י ה ל ע. אַ קול האָט ער, אסור די שענסטע פייגל אין וואַלד.

ר ח ל ע ־ ר ב י צ י ן. חיהלע, זלמן, טוט אַ טובה. זייט זיך מכבד! (אסתרל רוקט צו דאָס אויבסט) לכבוד דער שמחה, געראָטענע באַרנעלעך, זיס ווי צוקער.

ל י י ז ע ר ל (צו די קינדער). איך בין אַ פעטער, אַ רייכער, אדרבא מהיכא־תיתי, נעמט עפּעס לכבוד שבת, לכבוד דער שמחה, אפשר אַ כוס וויין? און אפשר אַ גלעזל בראָנפן, רב זלמן!

ר ח ל ע ־ ר ב י צ י ן. האָניק־לעקעך, חיהלע, געצוקערטע מאַנדלען, עסט געזונטערהייט. כ׳לעבן, זלמן, אפשר אַ גלעזל ווישניאַק?

מ ר י מ ל. טרינקט, טרינקט לחיים! מאָרגן פאָרט מען קיין מצרים!

צ י ר ע ל ע ־ ח י ה ל ע. קיין עין־הרע, אַ יום־טוב־סעודה. נעם, זלמן, אין זכות פון אסתרלס שמחה. לאָמיר געניסן.

(אַלע קינדער מאַכן זיך עסן און טרינקען, עס ווערט טונקל) שוין באַלד הבדלה־צייט, מען וועט באַלד שרייבן תנאים. זלמן, מען כוז גיין, ס'איז שפּעט, מען האָט נאָך אַ סך אַרבעט. אַ גוטע וואָך, אסתרל, אַ גוטע וואָך, מלכהלע. אם ירצה השם ביי אַלע קינדער אין פריידן.

מ ר י מ ל. מירצעשעם ביי דער באָבע מיטן זיידן...

ר ח ל ע ־ ר ב י צ י ן. אַ דאַנק... אַ דאַנק... (צירעלע און מאַטעלע גייען אַרוים.)

ל י י ז ע ר ל ־ פ ע ט ע ר. דאָס הייסט געגעסן? געשלונגען! (כאַפּט דאָס פלעשל פון טיש) ביסט אַ מבין?

מ נ ח מ ל. אוי־וואַ! אוי־וואַ! (צירעלע און מאַטעלע קומען צוריק.)

ל י י ז ע ר ל (שטייט ביים טיש). הייסט געטרונקען (מאַכט נאָך) קבצנים זענען ווי היישעריקן. ווי די היישעריקן!

צ י ר ע ל ע. מיין מאַמעליו האָט זיך געפריים, ווען געסט האָבן געגעסן. ביי אונדז פלעגט מען צום טיש אָרעמע אורחים און משפחה פאַרבעטן, יאָ, יאָ...

ש פ ר ה ל ע. אַזוי, איך וויים בעסער פון דיר. דיין מאַמעליו די רביצין איז געווען אַ גוטע, זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ. מיינסט, אַז אַלע זענען אַזוי? די גרויסע זענען שלעכטע, זיי פאַרגינען נישט, זענען פאַלש... רעדן צו זיך ווי טייבע־לעך און שפּעטער שעלטן זיי. מיין שוועסטער באַלטשע איז אויך אַ פאַלשע. זי פלעגט זאָגן צו עטעלען, צו מיין שוועס־

פֿערקינד, גייסט אַזוי שיין אָנגעטון, אַזוי שיין אויסגע־קעמט, דו געפֿעלסט מיר זייער, לאָמיר זיך צעקושן. און שפּעטער, ווען עטעלע פֿלעגט אַוועקגיין, פֿלעגט זי לאַכן און זאָגן, האָט זיך אויסגעפּוצט ווי אַ קו אויפֿן יאַרמאַרק... אין דער היים, ווען עטעלע איז געקומען צו אונדז מיט איר חתן, פֿלעגט זיך מיין שוועסטער סודן מיט אים און... טון איר צו להכעיס, רחלע, ווייסט שוין וואָס... כ'וויל נישט אויס־זאָגן... אַלץ פֿאַר דערפֿאַר, ער זאָל נישט חתונה האָבן מיט עטעלען, נאָר מיט איר. איך האָב עטעלען ליב, זי איז אַ יתומה, זי איז אַן אָרעמע, זי האָט געאַרבעט. ווער ווייס, וווּ זי איז היינט... יעצט ווייסטו שוין? איך ווייס בעסער, גרויסע מענטשן האָבן נישט קיין רחמנות...

מ ר י מ ל. מוחל, מוחל רחמנות... בעסער ברויט ווי שלח־מנות...

ל י י ז ע ר ל ־ פ ע ט ע ר (קומט אַריין פֿון דער צווייטער שטוב). מען רופֿט די כלה אונטערצושרייבן די תנאים, אין אַ מזלדיקער שעה. (אסתרל און רחלע הייבן זיך אויף, רחלע, די מוטער, פֿירט די כלה אונטער דער האַנט, גייען אַרויס און קומען באַלד צוריק, אַלע ווינטשן זיי.)

ק י נ ד ע ר. מזל־טוב, מזל־טוב! (צעקושן זיך, מען הערט מוזיק) כּלי־זמרים שפּילן! לאָמיר טאַנצן! (איינער נאָכן צווייטן הייבן אָן צו טאַנצן, מישן זיך אויס, טאַנצן אַ ראָד, פּאַטשן אין די הענט ריטמיש.)

ל י י ז ע ר ל. שטיים! וואָס הייסט? מאַנסלייט טאָרן נישט

טאַנצן מיט ווייבער אינאיינעם. (קינדער צעטיילן זיך, ייִנג־לעך טאַנצן נישט, מיידלעך טאַנצן אַ יידישן ברוגז־טאַנץ און אַ לאַנסע. ערשט שפּעטער הייבן אָן די ייִנגלעך טאַנצן אַ חסידישן קאָזאַקל און זינגען מיט, טאַנצן וואָס אַ מאָל געשווינדער, די מוזיק שפּילט. מיט אַ מאָל הערט מען פון דרויסן: קינדער! קינדער דערהערן, שטעלן זיך האַסטיק אָפּ. עס פאַלט אַריין בלימעלע.)

ב ל י מ ע ל ע. קינדער! קינדער!... ווו זענט איר אַהינגע־קומען? ווו זענט איר פאַרקראָכן? (שטיל) אין אַזאַ צייט... מען טאָר יעצט נישט אַרויסגיין. (קינדער דערשראָקענע רינגלען אַרום בלימעלען) רירט זיך נישט פון אָרט! מרימל! קום, קרוין, אַהער. (מרימל דערנענטערט זיך.)

צ י ר ע ל ע (גערירט). שוין ווידער... שוין ווידער... בלי־מעלע, קיינער וועט זיך פאַר אונדז נישט אָננעמען? די מאַמע האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז אפילו אויף אַ ווערעמל האָט מען אויך רחמנות, אַ ברעקל האַרץ...

ב ל י מ ע ל ע. איך וואָלט געוואָלט האָבן טויזנט הערצער... פאַר אַלע קינדער, אָבער דאָס איינע איז צו פיל... מלחמה ווייסט נישט פון קיין האַרץ...

מ ר י מ ל. דאָס האַרץ איז געשטאָרבן... דער טויט לעבט...

דאָס זיבעטע בילד

# מרימלס נביאות

אין דער גרויסער שטאָט. אַ הויף פֿון אַלטן, רייכן שטייגער. אין דער מיט ברייטע טירן. ביי אַ הויז הויכע טרעפּ. קינדער זיצן אויף די טרעפּ און דערנעבן אויף די שטיינער. מרימל שטייט אויף דער העכסטער טרעפּ, צירעלע מיט אַ טרעפּ נידעריקער.

צ י ר ע ל ע. ווייסט, אַז דאָס לאַנד הייסט פּוילן?

מ ר י מ ל. פּוילן... פּוילן... און דאָ וועט מען נישט קוילן?...

צ י ר ע ל ע. ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ יידישער הימל, אמת? און דאָ נישט... אמת, מרימל? ווו ענדיקט זיך דער הימל, ווו ענדיקט זיך די וועלט?

מ ר י מ ל. דער הימל, דער הימל... ענדיקט זיך ביים גימל...

צ י ר ע ל ע. ווי הייסט די שטאָט?

מ ר י מ ל. זי הייסט נישט. אַ גיהנומדיק ראָד.

צ י ר ע ל ע. און ווי הייסט די נייע שטוב?

מ ר י מ ל. זי הייסט נישט. ס'איז אַ גרוב.

צ י ר ע ל ע (חזרט איבער). זי הייסט נישט. ס'איז אַ גרוב?

מ ר י מ ל. זעסט דאָס שפּיגעלע (נעמט אַרויס אַ שטיקל צעבראָכן שפּיגעלע) קוק גוט אַריין! זעסט? אַ גראָער טייוול מיט רויטע אויגן מאַכט שוואַרצע וווּנדער, שלינגט איין אַלע קינדער!

צ י ר ע ל ע. שלינגט איין אַלע קינדער? וועט פינצטער ווערן אויף דער וועלט, ווייל די זון גייט אויף צוליב די קינדער, ווייסט? ווען עס וועט נישט זיין קיין קינדער, וועט די זון אונטערגיין... און מער אויף דער וועלט נישט שיינען. אַזוי שטייט געשריבן.

ר ח ל ע (דערציילט אַ מעשה, אַלע קינדער הערן זיך צו). הערט אוים ווייטער, הערט, קינדער! און צום סוף איז געווען אַזוי. ווען די מלאכים האָבן געטראָגן דאָס האַרץ פונעם קינד אויף זייערע ווייסע פליגל, זענען אָנגעלאָפן שוואַרצע טייוואָלאָנים. די טייוואָלאָנים זענען געווען הונגעריק, און האָבן דאָס האַרץ אויפגעפרעסן.

צ י ר ע ל ע. עס ווילט זיך וויינען. דערצייל ווייטער, נאָך...

מ ר י מ ל. באָבע־יאָרע גוט־וואָך. איך קען אַ מעשה מיט

אַ שוואַרצער מדינה. אַ שוואַרצע זון, אַ שוואַרצער הימל, אויפֿן הימל הענגט אַ גרויסער זייגער און עס קלאַפּט אַ שוואַרצער ווייזער... פֿון אַלע פֿעלדער, פֿון אַלע הייזער, פֿון אַלע טויערן, פֿון אַלע טירן... זעט מען טויטע פֿירן... מען טראָגט אַרויס שוואַרצע מתים איינגעהילט אין טליתים... אויפֿן שוואַרצן שניי... איינער נאָכן צווייטן גייט... און שוואַרצע מענטשן, שוואַרצע קליידער, שוואַרצע הייזער, שוואַרצע שויבן. אַלץ איז שוואַרץ. די ערד איז שוואַרץ... (פּלוצלונג ציטערט זי אויף און שרייט מיט גרויס ערנסט און שרעק) קינדער! קינדער! האָסט געהערט? הערסט! מ׳האָט ערגעץ דערשאָסן אַ האַרץ...

ק י נ ד ע ר (הערן זיך צו אַ ווײַלע צוזאַמען). שטיל!

ר ח ל ע. ס׳איז אַזוי טרויעריק געוואָרן.

צ י ר ע ל ע. מיר אויך.

ל י י ז ע ר ל. איר ווייסט, אַז דאָ אין הויז גייען אַרום שאָטנס און שדים?

מ ר י מ ל. נעבן יעדן שטייט אַ שאָטן... נעבן יעדן שאָטן שטייט אַ שאָטן פֿון דעם שאָטן...

צ י ר ע ל ע. פֿון וואַנען ווייסטו?

ל י י ז ע ר ל. זיי לויפֿן אַרויס פֿון דאָרטן, די שדים, און פֿאַר־שווינדן צוריק.

מ ר י מ ל. איין שד האָט גרינע האָר און רויטע אויגן, כ׳האָב

זיי אַלע אין עלנבויגן. מרור אויף פּסח, משוגענע היים איך. זאָג, צירעלע, וואָס האָסטו היינט געגעסן? כ׳וויים, אַ גאַנץ לויט פאַרטרוקנט ברויט. (לאַכט.)

ר ח ל ע. מרימל וועט זיך נישט שפּילן. זי רעדט תמיד משוגעתן.

צ י ר ע ל ע. שלום זאָגט, אַז זי איז אַ פאַרמאַטערטע טויב.

מ ר י מ ל. איך האָב אַ פאַרכישופטע גלעזל, אַ פאַרכישופטע שפּיגעלע... וואָס זאָגט אַלץ...

צ י ר ע ל ע. אויפן קול?

מ ר י מ ל. קולי־קולות...

ק י נ ד ע ר. ווייז, ווײַסטו זיך שפּילן. (לויפן צו.)

מ ר י מ ל. קוקסט פון דער זייט, ווערסטו אויסגעצויגן, לאַנג און גרויס... פון דער זייט, קליין און שמאָל... געשליפענע קאַנטן... מען מוז קוקן פונקט אין דער מיט... (שפרינגט אַרום דעם שפּיגל) פון דער צווייטער זייט, טויזנט הויקערס און דאָ, אין דעם עק, ווערסטו צעריסן אויף צווייען, אויף דרייען... און דאָ ווערסטו צעשווומען אין גאַנצן... היט דיך פון אַ שפּיגעלע מיט ראַנצן.

ר ח ל ע. מרימל, ווייז, איך וויל מיך אָנקוקן.

צ י ר ע ל ע. איך וויל מיך נישט זען.

ר ח ל ע. גיי, אַ מענטש דאַרף זיך אָנקוקן... ווי זע איך

אוים? איך געדענק שוין נישט. (מרימל ווייזט איר פון דער ווייטנס, שטעלט אַן אויף איר דאָס שפּיגעלע.)

מ ר י מ ל. ליפּן ווייסע, אויגן ווייסע, ביסט געשוואָלן און בלאָ... ביסט אַ חורבן... ביסט געשטאָרבן... ביסט נישטאָ...

צ י ר ע ל ע. ווי זעט אוים דער טויט? מען קען אים אָנ־רירן?

ר ח ל ע. לייזערלס מאַמע בעט זיך ביי אים, ער זאָל זי קומען אויסלייזן... און ער קומט נישט.

ב ר ו כ ל. גיי... גיי... לאָמיר זיך שפּילן, אין אַ שול, גוט?

מ אַ ט ע ל ע. איך וועל זיין דער חזן, אָדער דער כהן גדול אַליין.

מ ל כ ל. ווייסט, אַז אַ חזן מוז האָבן בלויזע מצוות, אַנישט טאָר ער נישט צוגיין צום עמוד.

מ אַ ט ע ל ע. ניין, נאָר ראש־השנה און יום־כפּור מוז ער זיך פאַרן דאַווענען צוויי מאָל טובל זיין. אין דעם טאָג מוז ער ריין זיין פון זינד.

ר ח ל ע. אַנו, מאַטעלע, זאָג, האָסט געזינדיקט? האָסט געטון אַן עבֿרה?

מ אַ ט ע ל ע (שווייגט און קלערט). יאָ, איך האָב צעטראָטן אַ גרויסן, שוואַרצן וואָרעם, דאָרט אין הויז.

ב ר ו כ ל. וועל איך זיין דער חזן, איך!

מ אַ ט ע ל ע. ניין, איך האָב אַליין אַמאָל געזען, ווי ברוכל

האָט צעקוועטשט צוויי פליגן. (קינדער ברעכן אויס מיט א געלעכטער.)

ב ר ו כ ל. נישט אמת! איך האָב נישט קיין עבֿרות. איך האָב שפּעטער ביי דער פליג מחילה געבעטן. (קינדער לאַכן.)

צ י ר ע ל ע. אַ שיין געלעכטער. ווייסט, אַז אַ פליג האָט אויך קליינע שוועסטערלעך און ברידערלעך, און אַ מאַמען און קליינע קינדערלעך.

ר ח ל ע (ווענדט זיך צו מלכלען). וואָס וועסטו זיין?

מ ל כ ל. איך וועל זיין משיח! איך וועל קומען, ווען אויף דער וועלט וועט זיין פינצטער און חושך, וועל איך קומען און אויפהייבן די רעכטע האַנט, און אַ ווונק טון מיט דעם גרויסן פינגער, וועט אַלץ אויפשטיין, און אַלע טויטע און אַלע לעבעדיקע וועלן צוזאַמען גיין קיין ארץ-ישׂראל.

ק י נ ד ע ר. קיין ארץ-ישׂראל? קיין ארץ-ישׂראל!

מ ל כ ל. יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן!

מ ר י מ ל (האַקט איבער און לאַכט). יידן וואַרטן אפשר אַ מיליאָן-מיליאַסן יאָרן, וויל ער אין איין רגע אויסלייזן די יידן. (לאַכט, פאַרטראַכט זיך.)

ר ח ל ע. גיי, עס איז דאָך נאָר אומישנע אַזוי. מען שפּילט זיך נאָר אַזוי.

מ ל כ ל (שטאַרק). ניין, ניין. אויפן רעכטן אמת.

מ אַ ט ע ל ע. דעם שוחטס ווייב האָט געזאָגט, (טרויעריק) אַז משיח איז איצט נישט געקומען, וועט ער שוין קיינמאָל נישט קומען.

ק י נ ד ע ר. רעד נישט אַזוי, מען טאָר נישט.

צ י ר ע ל ע (שטאַרק). עס שטייט בפירוש אין דער תורה. יידן זענען אַ געבענטשט פאָלק.

מ ר י מ ל. געבענטשטע משפחה. אַ קללה מיט אַ ברכה.

מ ל כ ל. גאָט האָט אויסגעוויילט דאָס פאָלק ישראל!

צ י ר ע ל ע. אין די הייליקע ספרים איז אַזוי פאַרשריבן.

מ ר י מ ל. אויף פאַרמעט געשריבן, אייגענע קינדער פאַר־טריבן!

צ י ר ע ל ע. ווייסט, אַז יידן קויפן אָפּ די זינד פון דער גאַנ־צער וועלט. און טוען תשובה פאַר אַלע דורות, פאַר פרעמ־דע און פאַר אייגענע. די מאַמע, עליה השלום, האָט מיר אַליין געזאָגט. אַזוי איז שוין באַשערט.

ר ח ל ע. יאָסעלע וועט זיך נישט שפּילן, ער האָט אַ פאַרך מיט אַ קאָלטן.

מ ר י מ ל (לויפט צו, קושט אים אין קעפּל, נעמט אים אַרום). ס'וועט דיך היילן דער ים, דער ים איז געשפּאָלטן! נאָך טויזנט טעג... נאָך טויזנט נעכט... און עס וועט שוין מער נישט זיין קיין קנעכט...

צירעלע. ס'איז אמת, אז משיח וועט קומען, וועט ער האבן נאר איין־איינציק אויג... און מיט דעם איינעם אויג וועט ער זען די גאנצע וועלט?

מרימל. אוודאי, צוויי אויגן האט א פיש, צוויי אויגן האט אן אקס און צוויי אויגן האט א מענטש, איין אויג האט... ער!

קינדער. ש... ש...

מלכל. און אז איך מאך צו איין אויג, זע איך דאס אײ־ גענע, וואס מיט אלע ביידע.

קינדער (מאכן צו יעדערער איין אויג).

מרימל. טאקע א שאלה, מסתמא מוזן צו עפעס טויגן ביי אלע מענטשן די צווייטע אויגן? צופיל אויגן...

מנחמל (שטעלט זיך שטאלץ). איך וויל זיין שמשון הגבור!

מרימל (לאכט). שמשון הגבור... זיי א גזלן ליבער.

רחלע (גייט צו צו מאטעלען). און וואס ווילסטו זיין, מאטעלע?

מאטעלע. איך? איך? דווקא א גזלן. וועסט זען, איך וועל זיין אזא גוטער גזלן, איך וועל אלעמען שענקען ס'לעבן.

מרימל (לאכט). א גזלן פון שטרוי. האסט א מעסער? מען מוז האבן א מעסער, א שארפס... פון שטיין א הארץ. אין גאנצן פון שטיין... ממ... ממ... גזלן!

מ אַ ט ע ל ע (בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ).

מ ר י מ ל. האָסט מורא? האָסט מורא?... אויך מיר אַ תורה!

ר ח ל ע (שטופּט אַוועק מאַטעלען). גיי, קענסט נישט זיין אַ גזלן, גיי... צירעלע, וואָס וואָלסטו געוואָלט זיין? געשווינד!

צ י ר ע ל ע. איך וויל זיין... זיין... אַ בת־מלכה.

ר ח ל ע. וואָס וועט טון די בת־מלכה?

צ י ר ע ל ע (מיט פאַנטאַזיע). איך וועל קומען צו שופר־בלאָזן, און שפּעטער וועט עמיץ מיר דערלאַנגען וויין, ראַזשינקעס מיט מאַנדלען.

מ ר י מ ל. פאַר אַזאַ מלכה און פון אַזאַ לאַנד! (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ בלעכל) נאַ דיר אַ בלעכל, אַ זילבערנע טאַץ, פון שלמה המלך געקריצט און געראַצט.

צ י ר ע ל ע. צוערשט לאָז זיך אונדז דאַכטן...

ק י נ ד ע ר (מיט התלהבות). לאָז זיך אונדז דאַכטן...

צ י ר ע ל ע. אַז מען ווינט אין אַ גאָלדענער שטוב, און די ווענט זענען פון מירמלשטיין, די טירן זענען פון העלפאַנט־ביין, און פאַרן טויער שטייען צוויי לייבן און היטן, אַזוי ווי ביי שלמה המלך, אַז עמיץ זיצט אויף זילבערנע בענקלעך, און איך, די בת־מלכה, שלאָף איין... אַ בת־מלכה דאַרף מען איינוויגן, מען זינגט איר...

ב ר ו כ ל. ווער זינגט?

צ י ר ע ל ע. כהנים זינגען.

ק י נ ד ע ר. כהנים? פון וואַנען?

צ י ר ע ל ע. פון בית-המקדש! און מען שפּילט פאַר איר, אין בית-המקדש שפּילן די ווענט אַליין... איך שלאָף אויף אַ בעט, אויסגעזעצט מיט אילימשקע שטיינער, מיט די שענסטע קרעלן, און איך ליג צוגעדעקט ווי מיט ספר-תורה-מענטעלעך, אויסגעשטיקט און אויסגעהאַפטן מיט לויטער פּערל און דימענטן, און ליג אין אַ ווייס-זיידן העמד, און עס בלישטשעט אַזוי פיל צירונג! אַרום און אַרום שטייען בשמים-ביקסלעך און שמעקן ווי פּאָמעראַנצן, און אין דרויסן איז ארץ-ישראל!

ק י נ ד ע ר (חזרן איבער). ארץ-ישראל!

צ י ר ע ל ע. די זון שיינט און אַרום וואַקסן וויינגאָרטנס, און עמיץ גייט צו פּאַמעלעך, פּאַמעלעכל און זאָגט, בת-מלכה, שטיי אויף צו שופר-בלאָזן. שטיי אויף!

ק י נ ד ע ר (באַגייסטערט זאָגן צוזאַמען). לאָז זיך אונדז דאַכטן... (פאַרמאַכן האַלב די אויגן, אויפן הויף פאַלט אַ העלע ליכט, עס באַווייזט זיך פאַר זיי דאָס זעלבע בילד, וועגן וועלכן זיי חלומען לויט צירעלעס טרוים. מען הערט זינגען, אָרגל שפּילן. קינדער שטייען איבעררראַשט, שווייגן, קוקן זיך אַריין אין דעם שטראַלנדיקן בילד. הערן זיך צו. עס דויערט אַ ווײַלע, עס ווערט וואָס אַ מאָל טונקעלער.

די קינדער באַגײסטערט) בת־מלכה, שטיי אויף צום שופר־בלאָזן! (מען הערט שופר־בלאָזן) שטיי אויף! (ביי די ווערטער פאַרשווינדט דאָס בילד, און עס בלייבט די געוויינלעכע ליכט. געזאַנג און מוזיק הערן אויף. מרימל האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אָפן די אויגן און גאַרנישט געזען.)

מ ר י מ ל. אוים בת־מלכה... מזל־טוב...

ק י נ ד ע ר. המ... המ... המ... מרימל טוט שטענדיק אַזוי.

צ י ר ע ל ע. מרימל, ווילסט דיך שפּילן, נאָר רעד נישט פון וועג.

מ ר י מ ל. איך... איך... איך בין שלומס כלה!

ק י נ ד ע ר (לאַכן). גיי... גיי...

מ ר י מ ל (נעמט אַרויס פון בוזעם אַ קאָלירט גלעזל). אַלץ זעט דאָס כישוף־גלעזעלע. אַלע סודות ווייסט דאָס גלעזל. כ'ווייס, אַז אַחוץ דער וועלט און אַחוץ יענער וועלט, איז דאָ נאָך אַ וועלט...

צ י ר ע ל ע. נאָך אַ וועלט... ווי איז דאָס מעגלעך?...

מ ר י מ ל. דו זעסט דאָך...

ק י נ ד ע ר. וואָס?

מ ר י מ ל. אַ מיליאָן פּיס זענען געגאַנגען, און נישט דער־גאַנגען... טויזנט קעפּ האָבן געזוכט, און נישט געפונען... מיליאָנען אויגן האָבן געקוקט, קיינער האָט נישט געזען.

און מיין כישוף־גלעזעלע האָט אַלץ געזען, אַלץ געוווּסט, מיין כישוף־גלעזעלע זאָגט נביאות...

קינדער. זאָגט נביאות? זאָג נביאות...

מרימל. שטעלט אייך אַלע אַרום מיר, און איך, מרימל, וועל זאָגן...

קינדער. נו, שוין, שוין, הייב שוין אָן.

מרימל. און געקומען זענען חיות, און דאָס זענען געווען שלעכטע מענטשן. און געקומען זענען מענטשן, און דאָס זענען געווען שלעכטע חיות, און געוואָרן איז דעמאָלט אַ מיליאָן מיליאָסן לוויות! ציילט, ציילט, ציילט... מיליאָן! לוויות! ציילט! מענטשן! ציילט! קינדער! ציילט... אַ מיליאָן, אַ מיליאָן, נאָך אַ מיליאָן, ווידער אַ מיליאָן און ווידער אַ מיליאָן, מיליאָן לוויות!... און זיין וועט אַמאָל אַנדערש... די וועלט וועלן פירן מלאכים... און קינדער... (פאַרטראַכט זיך.)

קינדער (חזרן איבער). מלאכים? און קינדער? רעד געשווינד.

מרימל. משוגעים! אַלץ וואָס ווערט... איז נישט באַשערט... דווקא פאַרקערט.

קינדער. אַזוי רעדט נישט אַ נביא.

צירעלע. און דאָס כישוף־גלעזעלע?

מרימל. מען מוז אָבער געפינען איין איינציק וואָרט.

מען זאָל קענען צוקומען דאָרט... מען מוז אָבער געפינען דעם איינעם זאָג! ס׳זאָל ווערן טאָג...

קינדער. און וואָס וועט זיין מאָרגן?

מרימל. מאָרגן איז געווען נעכטן... מאָרגן וועט שוין מער נישט זיין... היינט איז דער לעצטער היינט.

קינדער (ווי אַן אָפּקלאַנג). מאָרגן וועט שוין מער נישט זיין?

רחלע. איבער דיר ווערט טרויעריק. רעד צו אונדז אַנ־דערש. פאַרצייל אונדז אַ מעשה צו לאַכן.

מרימל. היינט איז ראש־חודש, דאַרף מען רעדן לשון־קודש! ויהי היום, אַמאָל איז געשען, אַז דער הימל און די ערד זענען הונגעריק געווען, האָבן זיי געוואָלט זיין זאַט. האָט דער הימל מיט דער ערד חתונה געהאַט. (קינדער לאַכן) און שפּעטער האָט דער הימל און די ערד געוואָלט דווקא פאַרקערט... (קינדער לאַכן) קידער ווידער, ווידער קידער, און זיי האָבן זיך געגט. פון דעמאָלט אָן הערשט דער שד. (קינדער לאַכן.)

לייזערל. קומט אַרויס אויף דער גאַס, אַזוי פיל שטערן! (קוקט אויפן הימל.)

מרימל. כ׳האָב זיך צעקריגט מיט אַלע שטערן אויפן הימל. איך בין ברוגז געוואָרן מיט דער זון...

ברוכל. קומט, וועט מען פון ליים חלהלעך פלעכטן...

מרימל. פלעכטס, פלעכטס, חלות אויף נעכטן.

מ ר י מ ל

קינדער (לויפן צו צו אַן אייזערנעם, דורכזיכטיקן טויער, קוקנדיק אויף די שטערן).

צירעלע. אַזוי פיל זילבערנע שטערן אויפן הימל! יעדער שטערן ווי אַ זילבערנער מגן־דוד... די שטערן זענען גליק־לעך, זיי דאַרפן נישט מורא האָבן... זיי זענען ווייט פון דאַנען... ווייט... ווייט פון דער ערד...

מרימל (גייט צו צום טויער, קוקט אויפן הימל). אַלע שטערן גאָטס לאָמטערן! זעסט דאָרט הויך... אונדזער שטערן. די שוואַרצע וואָלקנס ווילן אים פאַרדעקן... ער איז אויסגעקריצט... מען קען אים קיינמאָל נישט אויסמעקן... ער איז מיט פייער אויפן הימל... אויסגעברענט... אָנגע־צונדן מיט גאָטס הענט...

דאָס אַכטע בילד

# אין דער גרויסער שטאָט

קמה

עמיגראַנטן־הויז. אַ פּאָדערהויז, ברייט און טיף, נידעריקע טרעפּ פירן אויפן אַלטמאָדישן גאַנעק. דער גאַנעק ציט זיך דורך דער גאַנצער ברייט פון פּאָדערהויז. נאָרעם ביי די ווענט, אַן אייזערנער אויוון, אין דער מיט, לינקס און רעכטס טירן. די מיטעלע טיר פון גאַנעק פירט צום פאַרוואַלטונגס־צימער, ווו מען באַטראַכט די ענינים פון די היימלאָזע, און ווו עס קומען זיך צונויף די פאַרזאָרגערס. פאַרן לאַנגן הילצערנעם טיש שטייט דער רב מיט אַ בעכער אין דער האַנט, נעבן אים שטייט שלום, דעם רבס זון, אָנגעטון חסידיש. ער האַלט אַ ברענענדיקע הבדלה־ליכט. די הבדלה פלאַקערט, ס'איז האַלב־טונקל. אַרום אים שטייען קינדער, ברוכל, מאָטעלע,

צירעלע. מרימל שטייט פון דער ווייטנס אין אַ ווינקל. דער רב מאַכט הבדלה, אַלע זינגען זייער שטיל המבדיל. מרימל קוקט זיך צו. אין דער זייט זיצט די באָבע, רירט זיך נישט, זיצט אויף אַ נאַרע אָנגעשפּאַרט אויף אַ קאָלירטן קישן. אַלע הערן אויף זינגען.

ר ב. גוט וואָך! אַ גוטע וואָך דער גאַנצער וועלט! (באַלד גייט ער אַרויס. שלום גייט מיט. בלימעלע זיצט ביים וויגל, איינגעהילט אין אַ טיכל. יעדער זיצט פאַר זיך. קינדער מיט מרימלען זעצן זיך אין דער מיט אויף דער ערד, מרימל און צירעלע שפּילן זיך אין סטרולקעס.)

מ ר י מ ל (ציילט זיי). ישראל, לוי, כהן, למד, וו, זין...
איינס, צוויי, דריי, בולקעלעך פון שניי.
שנייענע קעזלעך, ברילן און גלעזלעך,
איינס, צוויי, דריי, קליסקעלעך פון בליי.
די פייל איז פלינק, די שווערד איז שאַרף...
וואַרף די שטיינדלעך, ווו מען דאַרף...

(ס'קומען אַן היימלאָזע און די שוחטקע, לייזערל, דער סופר, רחלע פירט אים און זעצט אים אַוועק אויף אַ נידעריק בענקל. די שוחטקע זעצט זיך אויף אַ שעניק אויף דער ערד.)

ה יי מ ל אָ ז ע ר (צו דער שוחטקע). מיר זענען אַזוי געגאַנגען זיבן טעג און זיבן נעכט.

צ י ר ע ל ע (דערהערט די לעצטע ווערטער, באַטראַכט זיי). זיי דערמאָנען זיך... געדענקסט, מרימל? איבער די

דעכער זענען אַרומגעלאָפן ברענענדיקע קעץ. פון הימל זענען געפאַלן פאַרברענטע פייגל. בהמות האָבן אַרומ-געבלאָנדזשעט איבער די פעלדער... געדענקסט?

מ ר י מ ל. די שטערן האָבן געלויכטן ווי שוואַרצע ליכט, דער ווינט האָט געזונגען, יידן זענען געגאַנגען...

ש ו ח ט ק ע. דערמאָנט נישט! און דאָ? איך שלאָף נישט קיין נאַכט. די ווערעם רייסן. אין דער היים אַ ווייס קלאָר בעט.

מ ר י מ ל. און צוקאָפּנס שטייט אַ שד.

ש ו ח ט ק ע. ווער עס האָט נישט קיין היים...

מ ר י מ ל. זאָל ווערן שטיין... ליים...

ש ו ח ט ק ע. דאָס גאַנצע לייב צעביסן.

מ ר י מ ל. שוחטס ווייב! ווער דאַרף עס ויסן.

ש ו ח ט ק ע. כ'ווער בייז און משוגע. (כאַפּט זיך אויף און בלייבט שטיין) כ'וואָלט געביסן מיט מיינע ציין זייערע ווייסטע הענט!

מ ר י מ ל. די הענט וועלן ווערן פאַרברענט.

ש ו ח ט ק ע. אין דער היים אַ סאָד, אַ בלום, אַ פעלד, אַ וואַלד, אַ שטוב ווי די ליכטיקע זון... און דאָ הונגער און קעלט (שרייט) ניין! ניין! ניין!

מ ר י מ ל. ווילסט נישט? ניין? טרינק טרערן-ווייַן!

ש ו ח ט ק ע (אויפגעבראַכט). יעדע קללה איז נאָך אַ ברכה.

מ ר י מ ל (לאַכט). אַזוי פיל נחת און אַלץ צו להכעים.

ש ו ח ט ק ע. געגעכטיקט אויף שטיגן, אויף שטיינער, אין פרעמדע טויערן זיך געוואַלגערט...

מ ר י מ ל (זינגט).

אין די טויערן אים פאַרלוירן,
היימן הייסט ער שלום.
אין די טויערן זיך געבויגן,
אין אַ שוואַרצן חלום...

(אַלע אַרום הערן זיך צו, שאָקלען מיט די קעפּ געריירט און שווייגן. די היימלאָזע, עלטערע, יינגערע בלייבן זיצן אויף דער באַנק אַרום דער וואַנט. אַן אַלטע אין אַ צעריסן טוך ציילט געלט פון זעקל אויפן האַרץ, אַ צווייטע נעמט אַרויס פון זאַק פּאַפּירן און קוקט אין זיי אַריין. אַ דריטע שרייבט אויף דער שוים אַ בריוו. אַ יונג מיידל וויינט שטיל.)

ס ו פ ר. גרויס זענען אונדזערע זינד!

ש ו ח ט ק ע. גרעסער אונדזער פּיין. מיט די קליינע קינ־דער אַ שטראָף.

ק י נ ד ע ר (דערהערן, חזרן איבער). מיט די קליינע קינ־דער אַ שטראָף!

מ ר י מ ל. פאַרוואָס אַזאַ שטראָף? פּסקן די שאלה, ר׳ ברכיה רב!

שוחטקע. שוויג! ווי אַ פֿלעדערמויז, קלאַפּט ווי אַ פֿאַרשאָלטענע מיל.

מרימל. גיי בעסער הערן... אַ דרשה אין שול.

שוחטקע. שוויג, שוויג! רעדט זיי איין גליקן... נאָגט אוים ביי די קינדער אַ בענקשאַפֿט... גאַנצע טעג חלומט מען...

סופר. די שעפּעלעך לויפֿן אָן אַ פּאַסטעך. זיי איז ביי אונדז שלעכט. מיר זעען זיי נישט. מיר הערן זיי נישט. קינדער חלומען... קינדער גלויבן... קינדער זענען הייליק, הייליק ווי אַ ספר.

שוחטקע. און וואָס וועט מיט זיי זיין?

בלימעלע. וואָס דערוואַרט זיי מאָרגן?

מרימל. אפשר מאָרגן, אפשר נעכטן... לעת עתה וועט מען שעכטן...

בלימעלע. צי ווייסט די וועלט, וואָס מען טוט מיט די קינדער?... ווער טוט פֿאַר זיי זאָרגן?

מרימל. זאָרגן... חורבן... קרבן...

שוחט (קומט אַריין, זעצט זיך אויף דער באַנק דערשי־טערט). מ'איז אונדז מביש און מבזה... דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין...

שוחטקע. ווי לאַנג איז דער שיער... מען איז דאָך נאָר מענטשן...

שוחט. מענטשן... זיי דאַרפֿן פֿאַפֿירן... דער עיקר פֿאַ־פֿירן... דער מענטש איז אַ צולאָג... פֿאַפֿירן... פֿאַפֿירן...

מרימל. מיט אַלע פֿאַפֿירן, וועט מען דיך פֿאַרפֿירן...

שוחט. מען גייט צו זיי און מען קומט צוריק מיט צער... און שנאה...

מרימל. שנאה און קנאה, איז בפירוש טומאה...

שוחט. מנוחה... כאָטש איין טאָג... איין נאַכט... איבער די גאַסן גייט מיר נאָך דער פּחד... איך בין שוין קראַנק און מיד...

מרימל. די שטיינער דאָ ווייסן, אַז עס טרעט אויף זיי אַ ייד...

שוחטקע. וואָס וועט זיין ווייטער?

שוחט. מען וועט שוין גאַרנישט פֿועלן...

מרימל. לאַקירטע שטיוועלעך, אַלע אַן זוילן... טשאַטש־קעס, טשאַטשקעלעך... געבראָטענע קאַטשקעלעך... גרויסע שטעט, שיינע שטעט. לאָמיר טרינקען וויין און מעד!

שוחט. פֿאַרלוירן דעם לעצטן טראָפּן כוח... איך בין מיד...

מרימל. ביסט מיד... האָסט אין קאָפּ אַ יריד... לחיים! היינט איז פּורים, מען שיקט שלח־מנות די גבירים... (עס פֿאַלט אַריין די מוטער, לויפֿט אַרויף אויף די שטיגן, קלאַפּט אין דער טיר פֿון קאָמיטעט־שטוב, רעדט האַסטיק.)

די מוטער. ס'קינד איז מיר חרוב... מענטשן, העלפֿט!

ס׳קינד גייט מיר אויס! (בלימעלע דערשראָקן לויפט אַרויף, קלאַפּט אין דער טיר.)

מרימל (לויפט אַרויף אויף די שטיגן). אַ פּלעצעלע מיט האָניק האָט דאָס קינד ליב?...

די מוטער (קלאַפּט). מען ענטפערט נישט... דאָס קינד, יאָסעלע! (פאַרשווינדט, בלימעלע נאָך איר.)

סופר. נאָך איין נפש... ווער הערט?...

מרימל. מען וועט דאָס קינד אָנטון אַ קרוין... און אַ העמ־דעלע פון ערד... (די שוחטקע גייט פּאַמעלעך אַרויף אויף די שטיגן, הערט אונטער, קוקט אַריין דורך דער גלעזער־נער טיר.)

שוחטקע. אומזיסט דאָס קלאַפּן. פאַרמאַכטע טירן... אַזוי ווי די הערצער...

מרימל (שרייט אַריין און קלאַפּט אין דער פאַרמאַכטער טיר). טויבע! הייבט זיך אויף... דעם קינדס מאַמע רעדט... זי שרייט... (עס עפנט זיך ברייט די טיר, מען זעט דורך דער ברייטער, אָפענער טיר אַ גרויסן שפּיגל, איינגערעמט אין אַ רייכער גאָלדענער ראַם, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ די פאַרזאַמלונג. מען זעט אין שפּיגל סילועטן פון פאַר־שידענע טיפּן פילאַנטראָפּן. אָרעמע און היימלאָזע קומען, בייגן זיך, פאַרשווינדן. עס הענגט אַ גרויסער קאָנדעלאַבער, עס איז זייער ליכטיק. אויפן גרינעם טיש און אויף אַלע אָרומיקע פעלט אַ שטאַרקע ליכט, מען זעט דעם אויבנאָן. אַ פּאָר איבערגעטריבן אויסגעפּוצטע מאַריאָנעטנאַרטיקע

פרויען־ און מענער־געשטאַלטן, גראָטעסקע טיפּן. עס קומט פֿאַר אַ באַראַטונג, עס הערט זיך אַ טומל, איינציקע ווער־טער, מען קלאַפּט, מען קלינגט. איבער די הילצערנע טרעפּ אויפֿן גאַנעק שטייען רעכטס ביי דער וואַנט די שוחטקע, לינקס ביי דער שוועל מרימל. די הויכע טיר האָט אַ פֿאָרעם פֿון אַ טויער אין אַן אַלטפּרענקישן הויז, אונטן אַ פֿאַרוואָרלאָזט פֿאַדערהויז, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין באַראַק. עס זיצן די זעלבע און נאָך אַנדערע הימלאָזע.)

שׂוחטקע (קוקט אַריין אין שפּיגל). אין דעם שפּיגל זעט מען אַלעס...

מרימל (בסוד). מען זעט דעם רוח און דעם דלות...

שׂוחטקע. אוי, ווי איך בין דאַרט אין שפּיגל דאַר!

מרימל. פֿון הונגער און פֿון צער... ווען דו וואָלסט נישט געוווּסט, אַז יענע ביסטו, וואָלסטו געמיינט, אַז דו ביסט יענע...

שׂוחטקע (זאָגט, צוהערנדיק זיך). זיידענע רייד לויפֿן.

מרימל. קענכט זיי קויפֿן...

שׂוחטקע. מען ווערט זיך כעסן, פּליקן.

מרימל. פֿאַר דעם גולם טוען בוקן!

שׂוחטקע (אָבסערווירט, באַטראַכט, זאָגט הויך צו אַלע). אויסגעפּוצט... זי טראָגט ביז צום נאָגל רינגען אויף די פֿינגער.

מ ר י מ ל. יעדער רינג אַ מתּנה פון דיר, און פון הונגער...

ש ו ח ט ק ע. מען טרינקט, מסתּמא וויין.

מ ר י מ ל (לאַכט). אַ שמחה. פריי דיך, לחיים! אפשר וועט בלייבן אַ ביסעלע שיריים. (שטימען, אַ געררודער.)

ש ו ח ט ק ע. ער שרייט, איך וויל כּבוד! און דרך־ארץ! מיט דרך־ארץ איז אדרבא, אדרבא.

מ ר י מ ל. אדרבא, אדרבא, דאָ כּבוד... דאָרט עולם הבא.

ש ו ח ט ק ע. שרייען יאָ און ניין...

מ ר י מ ל. יאָ, ניין! פאַר דיר וועט בלייבן נאָר אַ ביין!...

ש ו ח ט ק ע. דער ניין, און דער יאָ.

מ ר י מ ל (אָבסערוווירט זיי). אָן אַ היטל? אפשר אַ גוי?

ש ו ח ט ק ע. איינער זיצט און קייט, דער צווייטער דרימלט.

מ ר י מ ל. גיב אים אַ שטויס, ער שלאָפט, ער שימלט.

ש ו ח ט ק ע. מען זידלט זיך, אַ בזיון און אַ שאַנד.

מ ר י מ ל. זיי זענען געקומען מיט דער גאַל אין דער האַנט. איינער זיצט פון אויבן אָן, אַן אויסגעפּוצטער רויטער האָן...

ש ו ח ט ק ע. זיצט דער פּריץ!

מ ר י מ ל. פון טריפה מאַכט ער כּשר... אַן עם־הארץ!

ש ו ח ט ק ע. אויפן בויך צוויי גאָלדענע זייגערס.

מ ר י מ ל. אויפן האלדז צוויי זעקעלעך פעטס... א נשמה מיט קרעץ!

ש ו ח ט ק ע. רעדט, שרייט, א קהלמישער... (חזרט זיי איבער) אז מען גיט, שוויג! קלאפט אין טיש, דרשנט הויך.

מ ר י מ ל. מיט מיסט און שטויב איז פול זיין מוח...

ש ו ח ט ק ע. גרויסע לייט, מאכן העוויות.

מ ר י מ ל. ווייסט פון וואנען זיי קומען? (לויפט אראפ פון די שטיגן) פון גיהנום קומען אזעלכע חיות! כ'ווייס... ס'וועט קומען א האגל פון שטיינער, ס'וועט נישט בלייבן קיין איינער...

ש ט י מ ע ן. שוויג, מרימל, ליג, א חרפה און א שאנד.

מ ר י מ ל. קיינער הערט נישט, נאר די וואנט... איך וואלט געוואלט ליגן צווישן ווייסע בלימעלעך זיסע, די ברעטער מיינע זענען שטיינער. עס וואקסן אויף זיי שטעכערס, אומעטום שימל. דערפאר, ווייל מען שטעלט דעם אלף נאך דעם גימל... משוגעים! (לויפט ארויף אויף די שטיגן און שרייט אריין) רשעים! נאראנים! גייט לערנען תורה ביי די רבנים! (אלע אונטן לאכן. מרימל שטייט אויף די שטיגן הייבט אן זינגען, זינגט שטיל.)

דורך די פענצטער, דורך די שויבן
זע איך פליען ווייסע טויבן,
נאר די בלאע פליען העכער...

## מ ר י מ ל

אויף די פליגלען שטייט אַ בעכער,
אין דעם בעכער ליגט מײַן האַרץ,
אַ רויטע רויז מיט בלעטער שוואַרץ.
אין דעם בעכער ליגט מײַן חלום...
די רויז טוט ברענען... ווו ביסטו, שלום!
(זי פאַרקלערט זיך, גייט רואיק, טרויעריק אַראָפּ פון די שטיגן) אַזוי ווייט... אַזוי לאַנג... עס וואַקסן רויזן, עס קריכט אַ שלאַנג...

דאָס ניינטע בילד

# די פֿאַרזאָרגערס

דאָס זעלבע אָרט. עמיגראַנטן-הויז. עס טרעטן אַרויס פון די היימלאָזע קינדער, וואָס שפּילן אויף די הויפן, צוויי יינגלעך מיט פידלען, אַ מיידעלע אַ זינגערין. רחלע טאַנצט פריער אַליין, נאָכדעם צו-זאַמען מיט די קינדער. זיי שפּילן און זינגען אַ פאָלקס-ליד, אַ חסידיש ליד און ענדיקן מיט אַ מאַרש.

מרימל. טאַנצט! צירעלע, רחלע, טאַנצט! (עס באַווייזט זיך די ווירטין פון הויז).

ווירטין. די פרעזעסאָווע גייט. (פאַרשווינדט.)

מרימל. פרעזעסאָווע, סאָווע. (לויפט אַרויף אויף די טרעפּ, קוקט אַריין, רופט צו דער שוחטקע) צום קאָפּ צו-

געקלעפּט אַ פּנים, אַ באַרוועסער קאָפּ, צו די הענט אַ צוּ־געטשעפּעטער מענטש. ער איז אויפגעשטאַנען, ער שטופּט אַ גרויסן בויך, ער גייט, זי... גייט, זיי גייען אַלע, אַלע!

שׁ ו ח ט ק ע. עס קומען די גרויסע לייט!

מ ר י מ ל. די יום־טובדיקע סדרה גייט.

אַ ל ע. ש... ש... ש...

פּ ר ע ז י ד ע נ ט י ן (אַלעגאָרישע פיגור, באַווייזט זיך מיט אַ לאַרניאָן, קוקט זיך אום). זייער פיין...

פ י ג ו ר ן. זייער פיין! זייער פיין! (עס קומט אַריין די ווירטין שטיל אויף די שפּיץ פינגער.)

מ ר י מ ל (צו דער פּרעזעסאָווע). זייער פיין, אַ ביין מיט כריין. ווי אַ גבאי, אַלץ בשמחה רבה... זאָג, האָסט פון אויבערשטן אפשר אויף מצוות אַ הכשר? איך בין נישט מסכים! צו וואָס ביסטו אַהער געקומען? וואָס טוסטו דאָ?

שׁ ו ח ט ק ע. זי האָט דאגות און רחמנות...

מ ר י מ ל. זאָג דעם אמת, בנאמנות? ביסט אָנגעטון אין בלויז סאַטין! סאַמע גאָלד מיט עכט פּלאַטין!

ק י נ ד ע ר (זאָגן נאָך). זי איז אָנגעטון אין בלויז סאַטין! סאַמע גאָלד מיט עכט פּלאַטין.

מ ר י מ ל (צו דער פּרעזעסאָווע, רירט אָן דעם זוים פון איר קלייד). אַ שיין מענטעלע... מיט אַ פאַלש קענטעלע... (צו

אַלע) אויסגעפּוצטע שדים, פֿאַרשטעלטע רוחות... (די דאַ־
מען קוקן זיך אום, הערן זיך צו צו מרימלען. זי רעדט
שטיל) איך וועל דיר עפּעס זאָגן, איך קען דיך נישט פֿאַר־
טראָגן... (לאַכט) צדקה און נדבות, מלאכים, מלאך־המות.
(גייט צו צו שלומען.)

רחלע (צו מרימלען). שוויג... רעד נישט... וועט מען
מיינען, אַז דו ביסט קלוג...

צירעלע. פֿאַני! פֿאַני! מרימלען האָט מען געגעבן צו
עסן בלויזיטשקע ביינער...

היימלאָזע. שוויג! שוויג!

מרימל. פֿאַרשווונדן די זעקלעך, קליידער און רעקלעך.
ליכט, זייף און רייז עסן אויף די מייז. (קוקט זיך צו
איר צו) אויף דיר קריכן נישט אַרום לייז? (בסוד) די
שטוב איז אויסגעשייערט, מען האָט דיך אָפּגענאַרט...
(לאַכט.)

שוחטקע (דערשראָקן). וואַרפֿט זי אַרויס! משונהדיקע
רייד...

מרימל. אונטער דער ערד, איז אַלץ פֿאַרקערט!

היימלאָזע. מרימל!

מרימל. דאָס פּסחדיקע און דאָס חמצדיקע, דאָס כשרע
און דאָס טרפֿה, אויף אַלעם וועט קומען אַ שׂרפֿה מיט אַ
מגפֿה!

פ ר ע ז י ד ע נ ט י ן (קאַלט, מעכאַניש). ווער איז זי ?

ש ו ח ט ק ע. אַן אוקראַאינער יתומה, פון אונדזער שטעטל, דעם דיינס טאָכטער, אַראָפּ פון זינען.

מ ר י מ ל. ווער איך בין ? אַ פליג, אַ שפין, ווער בין איך ? (מאַכט נאָך דער שוחטקע) אַראָפּ פון זינען, (נעמט אַרויס אַ שטיקל שפּיגעלע) זעסט דאָס שפּיגעלע, שפּיגל דיך אָן... מאַדאַם ראָז, זע, ווי דו זעסט דאָרט אויס...

ש ו ח ט ק ע. דער דיין, עליו השלום, איז געווען אַ גרויסער למדן.

מ ר י מ ל. מיין טאַטע ליגט אין די זאַמדן... דאָרטן וואַקסן מאָן־בלימעלעך, און גאָלדענע גלעקעלעך, זון־בעכערלעך, ווי האָניק־כוסעלעך.

פ ר ע ז י ד ע נ ט י ן. הם... הם... הם... (אַלע הערן זיך צו.)

ש ל ו ם (קומט אַריין, איבעראַשט, קוקט, באַטראַכט די פיגורן).

מ ר י מ ל. כ׳האָב ליב קליינטשינקע בלימעלעך און פּיטשינ־קע בלעטעלעך, מיט זיידענע אָדערלעך. נעמט מיר נישט צו !

פ ר ע ז י ד ע נ ט י ן (ריטמיש, קאַלטבלוטיק, מעכאַניש). וואָס וואָר דען מיט דעם מעדל ?

ש ו ח ט ק ע. וואָס איר איז געשען...

הײמלאָזע. װיפֿל די קינדער האָבן אויסגעליטן... מיט זײ איז דער טויט מיטגעגאַנגען אויף יעדן טריט און שריט...

פּרעזידענטין. ערצעהלט.

אַלע (חזרן איבער). ערצעהלט!

הײמלאָזע. צו װאָס? דאָס בלוט װעט אייך פֿאַרגלײ־װערט װערן. (בײז, נישט געדולדיק) צו װאָס טויגן רייד... צו װאָס דאָס קלאָגן זיך, דערציילן גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט, װעט עס נאָר זײן אַ טראָפּן, אַ שאָטן...

פּרעזידענטין. ערצעהלט...

מרימל (רעדט געשװינד). פֿאַני! פֿאַני! איך װײס אַלץ... (הערט זיך צו. מען הערט נישט־דײטלעכע שטימען, צװאַ־מען ריטמיש, מרימל הערט זיך איין, רעדט װי אַ װידערקול) פֿופֿציק טויזנט, פֿינף הונדערט, דרײ און דרײסיק יתומים... װאַלגערן זיך אַרום... און אַ מיליאָן... מיליאָן... מיליאָסן... ליגן אָן קעפּ... אָן פֿיס... אָן הענט... טויטע קינדער.

שוחטקע. משוגע, װאָס אין איר שטעקט...

מרימל. װאָס אין מיר שטעקט... שרעקט...

הײמלאָזע. װאָס װײסט איר? געמאַטערט און געברענט אונדז װי קין.

מרימל. געהאַנגען דעם אַלעקסאַנדער רבינס זון...

קינדער (זאָגן נאָך). דעם רבינס זון...

מרימל. דעם פּלאָצקער רב דערשאָסן...

ק י נ ד ע ר (זאָגן נאָך טראַגיש, דאָך קינדעריש, מיט שרעק און ווונדער). דעם רב דערשאָסן!

פ י ג ו ר ן. ש... ש... ש...

ש ו ח ט ק ע. שווייגן? שטיינער זאָלן פאַלן אויף זיי פון הימל! און פאַרשריבן זאָלן זיי ווערן צום טויט!

ב אָ ב ע. שוחטקע, זינדיקע רייד, קללות! מיר זענען ווע־רעמלעך נאָר. אפשר וועט נאָך קומען דער טאָג, ווען די רשעים וועלן זיך שלאָגן על־חטא...

מ ר י מ ל. אַ רשע על־חטא. וואָס די באָבע רעדט...

ש ל ו ם. אַ שלאַנג, אַ מעכטיקע שלאַנג קריכט איבער דער וועלט.

ב אָ ב ע. אויב דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די שלאַנג, מן הסתם דאַרף זי לעבן.

מ ר י מ ל. באָבע, ביסט אַ גוטע, ווי דער הימל, (בסוד) מלאכים וואַרטן אויף דיר, גרייט זיך, באָבע, זיי גרייט!...
(זינגט מיט אַן אומזיניקער רואיקייט.)

אַדורכגעגאַנגען אַלע טויערן,
כ׳האָב געהאַט אַ טייערן חלום,
כ׳האָב אים אָנגעוווירן...
ווו ביסטו, שלום...

ש ו ח ט ק ע. שוויג! (באַטראַכט די פיגורן) ווער איז דער... אויף אונדזערע צרות?...

מ ר י מ ל. ביי משרתים אַ משרת...

שוהמקע (נייגעריק אין א זייט). ווער זענען זיי?...

מרימל. דער איז א ליץ... (ווייזט אָן) און די זענען קעץ...

שוהמקע. זיי איז וויל אויף דער וועלט... ווייסן נישט... (עמעצער וויינט.)

פיגורן. שש... שש... שש... (באטראַכטן אַלע ארום.)

מרימל. איך ווייס נאָך מער... דעם שמש האָט מען גע־האַנגען אויף דער לאַמטער! דו ווילסט וויסן? דעם טאַטן האָט מען געוואָרפן, געריסן... אין פייער פאַרברענט... (וויינט) זע, זע, ווי ער ליגט... דאָ ליגט ער... גיי אַהין... גראָב אויף די ערד! זע! זע! וואָס עס ווערט...

היימלאָזע. פאַרוואָס פירט מען זי נישט אַרויס?

שלום. רירט זי נישט!

באָבע. טוט איר נישט! אירע טרערן זענען פּערל... אונ־דזער צירונג... זאָל זי דערציילן...

פיגורן (קאַלטבלוטיק, מאַריאָנעטיש). מען דאַרף נישט דערציילן, מען דאַרף נישט רעדן... שטיל איז בעסער... מען דאַרף שווייגן...

מרימל. אַ גוטע רפואה... גיין צו דער תליה, ביסט אַ ליימענע בריאה... און די נאַרעס, מיט די ווערעם גאַנצע כמאַרעס?...

באָבע. אין וואָס פאַר אַ וועלט לאָזן מיר איבער אונדזערע קינדער? גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב, דערבאַרעם דיך!...

שלום. קינדער וועלן משפטן אליין! אויף וואָס האָבן זיי דאָ געקוקט?

מרימל. ווי מען ברענט, ווי מען שטיקט...

פיגורן (צוזאַמען, ריטמיש). מען דאַרף שווייגן... מען דאַרף נישט שרייען... שטיל... שטיל... שטיל...

מרימל. שטיל... שטיל... אַלע יידן נאַקעט געבונדן מיט שטריק, אַלע געפירט דורך אַ שוואַרצע בריק. אַלע קרו־בים, זיי ליגן אָן טליתים און אָן סויוועס, מיין טאַטע ליגט אָן אַ טלית, אָפּגעפּסקנט אַלע שאלות!

שוחטקע. שוואַרצער שטן, הער אויף! זי דערשלאָגט אונדז מיט די רייד אין גאַנצן.

מרימל. באַריניעס, אַזוי פיל גוטע בשורות, גייט אַהיים טאַנצן! פאַרברענט צוויי הונדערט פופציק שטעט! לאָמיר טרינקען ווייַן און מעד!

פיגורן. שטיל... שטיל... שטיל... (שטייען די גאַנצע צייט אומבאַוועגלעך, הערן.)

מרימל. שוחטס ווייב! ווו איז דער בורא? מען דאַרף אים רופן צו אַ דין־תורה! און ווו זענען די עדות? אונ־דזערע טאַטעס! אונדזערע זיידעס! (שטאַרק) ווו זענען די עדות?! (עס טונקלט די ליכט, שטילע מוזיק ווערט פאַר־וואַנדלט לאַנגזאַם אין אַ ריטעם פון וואַלצער, אונטער וועלכן די מאַריאָנעטן־פיגורן פאַרשווינדן, פאַמעלעך טאַנצנ־דיק אויף די טרעפּ, שוועבנדיק ווי געשפּענסטער. אַלע קוקן און שווייגן.)

דאָס צענטע בילד

# ברוכל וויל קויפן אַ מאַמע

קסט

עמיגראַנטן-שטוב. ס'איז שטיל. קינדער זענען אַליין, שטייען אַרום דעם טיש און שפּילן זיך שווייגנדיק. צירעלע און רחלע האַלטן אין דער האַנט ליאַלקעס. די יינגלעך זיצן אויף די בענקלעך און שטעלן אויפן טיש אַ ווייסע פּאַפּירענע באַן און אַ קאָלירטע שיף מיט פענדלעך. צירעלע און רחלע קלויבן אויס פון אַ בערגל קאָלירטע שמאַטקעלעך שטיקלעך אין פּאַסן צו צו די ליאַלקעס, באַטראַכטן זיי און נעמען זיי אין די אָרעמס. מרימל באַווייזט זיך, שטעלט זיך ביים טיש. קינדער הערן זיך אויף צו שפּילן.

צירעלע (פרעגט). זאָג, מרימל, וואָס איז דאָס גאָלדענע, וואָס זי האַלט, די פּאַני, תמיד ביי די אויגן ?

מ ר י מ ל. איך וועל דיר אויסזאָגן דעם סוד. ס׳איז אַזעלכע גלעזלעך, וואָס מען זעט אַלץ מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

צ י ר ע ל ע. פאַרוואָס?

מ ר י מ ל. פאַרוואָס? אַז מען זעט אַלץ מיט דעם קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף, זעט מען נישט דעם אָנהויב, מען זעט נישט דעם סוף. ס׳איז אַ געשליפּט און געשליפֿן גלעזל. דאָס טראָגט נאָר אַ דין דינימשקע נעזל.

צ י ר ע ל ע. פאַרוואָס זאָגט לייזערלס מאַמע, כ׳זע שוין קוים, כ׳מוז האָבן גלעזלעך. זי האָט קראַנקע אויגן... אויס־געוויינטע...

ר ח ל ע. לייזערלס מאַמע זאָגט, די לעצטע כוחות נעמען צו די קינדער... זי האָט שוין נישט קיין כוח צו אַרבעטן...

צ י ר ע ל ע. בלימעלע האָט אויך נישט קיין כוח... די פּאַני פּרעזעסאָווע איז רייך... זי מוז האָבן אַ סך דינסטן? נישט אמת?

ר ח ל ע. אַ, אפשר צען!...

צ י ר ע ל ע. וואָס טוען זיי אַזוי פיל דינסטן?

מ ר י מ ל. בוקן זיך און שעלטן...

צ י ר ע ל ע. און די פּאַניעס וואָס טוען?

מ ר י מ ל. גענעצן און רוען... נאַגן צוקערלעך... קייען קי־בעלעך...

צ י ר ע ל ע. זיי זענען אָנגעטון אַזוי שיין...

ר ח ל ע. אין עכט זייד, ווי שפינוועבס דין, מיט פליטער־לעך אַלע קאָלירן אויף דער וועלט.

מ ר י מ ל. פאַר געלט...

צ י ר ע ל ע. ביי זיי אין שטוב איז שיין?

ר ח ל ע. אַלץ פון זילבער און אַלץ פון גאָלד... אַרום און אַרום בלוויזיטשקע שפּיגלען.

מ ר י מ ל. אַלץ פאַרמאַכט אויף שלאָס און ריגלען...

ר ח ל ע. און טויזנט לאָמפּן ברענען אַ גאַנצן טאָג!

צ י ר ע ל ע. דאָרט מוז זיין ליכטיק ווי אין גן־עדן...

ר ח ל ע. און מען עסט דאָרט גוטע זאַכן...

צ י ר ע ל ע. איך וואָלט זיי געבעטן אַ... שטיקל קוכן, פאַר מיין שוועסטער בלימעלע... איך וואָלט געוואָלט צו זיי אַריינקוקן כאָטש...

ר ח ל ע. איך וואָלט געוואָלט דאָרט זיין כאָטש אַ דינסט...

מ ר י מ ל. ווערסט אומזיסט דאָרט טראָגן מיסט...

צ י ר ע ל ע. אויף אַ דינסט שרייט מען... ווען איך וואָלט געווען אַ בעל־הביתטע, וואָלט איך גענומען אַ דינסט אַ יתומה... כ׳וואָלט איר געגעבן נדן, חתונה געמאַכט, צו דער חופּה אויפגעניית אַ ווייס זיידן קלייד... כ׳וואָלט איר גע־געבן אַ לערנקינד פאַר אַ מאַן... זי וואָלט געהאַט מזל ביי גאָט, ווייל גאָט האָט ליב יתומים...

מ ר י מ ל. צו וואָס טויג אים אַזוי פיל יתומים? כ׳גיי אים פרעגן... (גייט אַרויס.)

צ י ר ע ל ע. גאָט וואָלט אין איר נישט פאַרגעסן... וואָלט זי געבענטשט... זי וואָלט געהאַט אַ סך קינדערלעך... און פּרנסה... זי וואָלט געוואָרן אַליין אַ בעל־הביתטע, גענומען זיך אַ דינסט...

ר ח ל ע. אַ דינסט ביי אַ דינסט?

צ י ר ע ל ע. לאָמיר זיך אפשר שפּילן אין אַ בעל־הביתטע מיט אַ דינסט, גוט? דו וועסט זיין די בעל־הביתטע און איך וועל זיין דיין דינסט, גוט?

ר ח ל ע. איך וועל זיין אַ שלעכטע.

צ י ר ע ל ע. און איך וועל זיין אַ גוטיטשקע. אַזוי ווי אונ־דזער דינסט אַמאָל, מאַמעלע. גוט?

ר ח ל ע. מען שפּילט זיך. איך בין די בעל־הביתטע, ווי די שכנטע ריקעלע... (נעמט די האָר צום פאָרנט, מאַכט זיך אַ צעשויבערטע פריזור אויפן שפּיץ קאָפּ, כאַפּט אַ קאָץ פון אַ נאָרע און וויקלט זיך אַרום, לאַנג ביז צו דער פּאָדלאָגע, אימיטירט אַ לאַנג קלייד, טשעפּעט זיך צו צו די אויערן גלאַנציקע פּאַפּירלעך, אַ פּאָר אוירינגלעך, אַ בלעכל אויפן האַרץ ווי אַ רייכע בראָשקע, וויקלט אַרום די פינגער מיט פאַרשידענע שטריקלעך) אוי, כ'לעבן, ווי אמתע צירונג. (פאַרלייגט די הענט אויפן בויך, מאַכט אַ שטאָלץ פּנים פון אַ מאַדאַם, זעצט זיך. אין דער זעלבער צייט פאַרשטעלט זיך צירעלע פאַר אַ דינסט, זי כאַפּט פון אַ ווינקל אַ קוישל, לייגט אַן בילע וואָס אין די פּאַפּירן, טוט זיך אָן אַ טיכל אויפן קאָפּ, אימיטירט אַ דינסטמיידל.)

צירעלע־דינסט. הייב דו אָן די ערשטע.

רחלע־בעל־הביתטע. נו, שוין (בייזערט זיך אויף דער דינסט, פליקט זי ביים אַרבל) אַ שטיק ליים! שלימזל! וווּ ביסטו געווען צוויי שעה? בהמה... וווּ לויפסטו אַרום מיט די קרומע פיס?

מרימל (קומט צוריק, הערט זיך צו).

רחלע־בעל־הביתטע. שלעפּט זיך אַרום מיט די מיידן... כ'זאָל נישט זינדיקן פאַר די רייד, שטראָף מיך נישט, ליבער גאָט אין הימל!

צירעלע־דינסט (שטאַמלט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ). כ'בין געלאָפן, געזוכט...

רחלע־בעל־הביתטע (כאַפּט פון איר אַרויס דאָס קוישל, נעמט אַרויס אַ פּעקל פּאַפּירן, וויקלט עס אויף, כאַפּט זיך ביים קאָפּ, מאַכט מיט די הענט, שרייט). אָקס! פּראָווינצער חיה! בלויזע ביינער, מאָגער פלייש... גאָט זאָל מיר מוחל זיין! (גלאָצט מיט די אויגן) אַ מויד אַ קראַנקע צרה!

מרימל (הערט זיך צו). מאַטל! שלאָג די שטעל פאַר אַ כפּרה, גיי בעסער פּאַשן די שעפּסעלעך צום שררה.

רחלע־בעל־הביתטע. אם ירצה השם, נאָך יום־טוב גיב איך זי אַ וואָרף אַרויס!

צירעלע־דינסט (וויינט). מאַמעליו, איך האָב שוין

נישט קיין כוח. כ׳וויל פֿאָרן אהיים! באַצאָלן זי מיר פֿאַרן זמן, איך האָב נישט אויף הוצאות, אויף די קאָלע.

רחלע־בעל־הביתטע. וואָס? איך דאַרף דיר באַצאָלן? ביסט משוגע געוואָרן? פֿאַרוואָס? אַזאַ נבֿלה, אַ יתומה, אַן אַ היים... ווער צאָלט עס אַ יתומה?

מרימל. מען וועט דיך ברענען און בראָטן אויפֿן קוימען.

צירעלע־דינסט (נעמט אַראָפּ פֿון זיך דאָס טוך, שטעלט אַוועק דאָס קוישל). גענוג, גענוג, איך וויל שוין נישט זיין מער קיין דינסט... לאָמיר זיך שוין מער נישט שפּילן, איך בין הונגעריק...

קינדער. איך אויך... איך אויך...

מרימל. עסט פֿייער, עסט רויך... אַלץ וועט ברענען, אַלץ וועט קנאַקן... ברויט! ברויט זאָל מען באַקן!...
(עס קומען אַן די יינגלעך און צוויי פֿרעמדע קינדער, וועלכע ברענגען מיט זיך ציגל און קלעצלעך. זיי ווילן זיך שפּילן און שטעלן אויף אַ טורעם. מרימל וויל אַרויסגיין.)

מאַטעלע. מרימל, ווו גייסטו?

מרימל. כ׳גיי קויפֿן צו דער חופּה אַ קדושין־פֿינגערל און אַ ווייס זיידן קלייד. (זינגט אַ ליד.)

> ווען דו וועסט מיט איר צו דער חופּה גיין...
> וועט זי טראָגן אַ ווייס זיידן קלייד.

(הערט אויף צו זינגען) גיבן זיי מיר, יענטעלע, אַ האַלב פֿונט געלט און אַ שנירל פּערל, נאָר עכטע, עכטע, נישט

קיין פּאַלשע. (רחלע זעצט זיך ביי אַ טישל, כלומרשט זי פּאַרקויפט. גיט איר שנירלעך, מרימל טוט אויף זיך אַלץ אָן.)

מ אַ ט ע ל ע. מיר אַ פּאָר הויזן, נאָר נישט מיט לאַטעס. און גיבן זי מיר, רחלע, אַ קאָלע, כ'מוז פּאָרן קיין קאַנאַדע, צו מיין פעטער מלך, צו מלכהלעס טאַטן. דאָרט, אַז מען איז הונגעריק, עסט מען בולקעלעך, און מען טרינקט נאָך מילך.

ר ח ל ע. וואָס ווילט איר, אַ קאָלע, צי אַ שיף?

מ אַ ט ע ל ע. וויפל קאָסט די קאָלע?

ר ח ל ע. אַ מיליאָן.

מ אַ ט ע ל ע. אַזוי טייער? צו טייער.

ר ח ל ע. נו, טאַ זאָל שוין זיין אַ מיליאָן, ווינציקער מיט צען גראָשן...

מ אַ ט ע ל ע (שטאָלץ, נעמט אַרויס פּאַפּירלעך און גיט איבער רחלען. מנחמל גייט צו צו רחלען).

ר ח ל ע. וואָס ווילט איר, ר' ייד?

מ נ ח מ ל. איך וויל אַ שיף, זאָל שווימען קיין ירושלים.

ר ח ל ע. נאָט אייך די שיף.

מ נ ח מ ל. פאַר וויפל געלט?

ר ח ל ע. ר' ייד, וואָס זענט איר משוגע געוואָרן? קיין

ירושלים פאַרן יידן בחינם. (מלכל שטייט און וואַרט) וואָס וויל דער קונה?

מלכל. אַ ביקס און אַ פייל. ניין! הונדערט ביקסן און טויזנט פיילן! (רחלע פאַרוואונדערט שווייגט.)

צירעלע (לויפט צו). גיי, גיי, מיט ביקסן דערשיסט מען מענטשן! ווען נישט די ביקסן, וואָלט קיין מלחמה אויף דער וועלט נישט געווען.

מלכל. ביסט אַ מיידל, ביסט אַ שלימזל, איך וויל רייטן אויף אַ פערד, שיסן... מיט זעלנער אַ מיליאָן, אַזוי ווי דוד המלך, פאַרשטייסט?

צירעלע. איך האָב פיינט יינגלעך, יינגלעך האָבן ליב ביקסן און מלחמות.

מרימל. מלחמה, בלוט און נקמה.

צירעלע. און אַז זיי ווערן גרויסע, ווערן זיי גזלנים!

מלכל. שלימזל! און אַז מען וועט אונדז ווידער אַזוי באַפאַלן ווי אַנומלט? אַז מען וועט אונדז רייסן ביי די האָר און שטעלן צו דער וואַנט... ווי דעמאָלט? וועל איך זיי אויך רייסן ביי די האָר. אַז ער וועט אַרויסנעמען אַ שווערד, (מיט קראַפט) וועל איך אַרויסנעמען צוויי! וועלן זיי שיסן מיין טאַטן, וועל איך שיסן זיין טאַטן! היינט בין איך שוין אַ גרויסער... איך וועל נישט שענקען...

צירעלע. קיין אַנדער עצה איז נישטאָ?

מ ר י מ ל. אַן עצה איז דאָ. עס מוז קומען די שעה... מען מוז וואַרטן אויף אים...

צ י ר ע ל ע. אויף וועמען? אויף משיחן?

מ ר י מ ל. משיח קריכט... האָט נישט קיין שיך...

מ ל כ ל. מרימל, גיי, ביסט אַ משוגענע, אָ! אָ! (ווייזט די קינדער אַ פויסט און מאַכט באַוועגונגען צום שלאָגן, שטופּט זיי אַוועק און פאַרמעסט זיך) איך האָב כוח! מען מוז זיין שטאַרק!

צ י ר ע ל ע. לאָמיר זיך בעסער שפּילן אין כותל־המערבי.

ר ח ל ע. ניין, איך וויל נישט, ווייל מען מוז וויינען. בעסער אין אַ גבאיטע. (ווענדט זיך צו צירעלען) וואָס וויל די גבאיטע? וואָס וויל טאַבעלע?

צ י ר ע ל ע. יענטעלע, טייערינקע, איר זענט דאָך אַ מזל־טוב, אַ בעל־רחמנות, אַ זיידן דימענט האַרץ, וואָס איז דען ווערט דער מענטש, ווען נישט די מצוות? זי מוזן מיר שענקען אַ העמדל פאַר אַן אָרעם יתומל, און נאָך איינס פאַר אַ קראַנק קינד, אָבער אַ גאַנץ העמדעלע. און פאַר אַ מיידעלע אַ פאַרטעכל מיט פאַלבאַנקעלעך. גיבן זי מיר, אָבער אַן געלט, און באָרגן זי מיר אַ פּאָר שיכעלעך מיט גאָלדענע קנעפּעלעך, אַ קליידעלע געשטיקט מיט שני־רעלעך, (פאַלט אַריין אין ענטוזיאַזם און טרוימט) מיט אַ ווייס קעלנערל מיט שפּיצקעלעך, שלייפעלעך צו די צעפּע־לעך, און פון קליידעלע זאָלן אַרויסקוקן ווייסע מייטקעלעך און אַ האַלקעלע!

קעט

ר ח ל ע. גייען זי שוין! גייען זי שוין, כשר קינד, אזוי פיל? ס'איז צו טייער, איך קאָן אין געבן אַ נדבה, אַ שטיקל רויטן, עכטן סאַמעט אויף אַ חלה־טישטעכל, וועלן זי אויך האָבן אַ מצווה.

מ ר י מ ל. אויף מצוות אַ יקרות... שקר און שקרות... (גייט אַרוים.)

צ י ר ע ל ע. יענטעלע, שענקען זי מיר אַ קישעלע צום שלאָפן, אָבער נישט מיט שטרוי, נאָר מיט פעדערן, אמתע פעדערן.

ר ח ל ע (מאַכט זיך גרוים). איך האָב, יאָ, פון פּיטשינקע פעדערלעך, פון שוועלבעלעך און טייבעלעך, פון זינגפויי־געלעך און גן־עדן־פייגעלעך. פון פוך... פוך.. סאַמע פוך...

צ י ר ע ל ע (דערמאָנט זיך). אין דער היים ביי אונדז זע־נען געווען אמתע קישנס, אפשר צען. זיי האָבן די קישנס צעטרענט.

ר ח ל ע. כ'האָב אַ ווייכעטשקע, ווייס זיידן קישעלע, פאַר אַ קייסערינע, ס'קאָסט אַ סך געלט, ס'איז נישט פאַר אָרע־מעלייט, ס'איז פאַר אַ פּרינצעסין.

צ י ר ע ל ע (שטיל). באָרגן זי מיר אויף איין נאַכט, אָדער אויף איין שעה אַזאַ קישעלע, אויף שטרוי איז אַזוי הארט...

ב ר ו כ ל (גייט צו צו רחלען, שטעלט זיך און שווייגט. אַראָפּגעלאָזן דאָס קעפּל).

ר ח ל ע. ברוכל, וואָס ווילסטו?

ב ר ו כ ל. איך, איך וויל אַ ליאַלקע. (קינדער לאַכן.)

ר ח ל ע. איך האָב ליאַלקעלעך, איך בין רייך, אַ רייך קינד, קליינע און גרויסע.

ב ר ו כ ל. אָבער איך וויל, אַ ליאַלקע זאָל קענען רעדן.

ר ח ל ע. אוודאי האָב איך אַזעלכע. וואָס ווילסטו, אַז די ליאַלקע זאָל רעדן ?

ב ר ו כ ל. זאָל זי זאָגן ברוכל... זאָל זי מיך אַרומנעמען... און ליב האָבן...

ר ח ל ע. אוודאי קען זי דיך ליב האָבן, זי קען דיר געבן אַלץ, וואָס דו ווערסט ווען, ווייסט, ברוכל ?... נאַ דיר... (גיט אים די ליאַלקע.)

ב ר ו כ ל (שטייט מיט דער ליאַלקע, קוקט אויף איר, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, שעמעוודיק און שטאַמלענדיק). איך... איך וויל... איך וויל... עס קאָסט טייער... אַ סך, כ'האָב נישט... איך וויל קויפן... מען קען קויפן אַ מאַמע ? וויפל קאָסט אַ מאַמע ? (קינדער לאַכן.)

צ י ר ע ל ע. גיי, אַ מאַמע קען מען נישט קויפן אפילו פאַר אַ מיליאָן... פאַרשטייסט ?

ב ר ו כ ל. מיין מאַמע איז געווען די שענסטע מאַמע !

דאָס עלפטע בילד

# אַזוי ווי „זיי״...

פון דרויסן הערט מען אַ גערויש, אַ טראַסק, האַקן, קלאַפּן, ברעכן שויבן. צוויי פרעמדע קינדער שפּילן זיך די גאַנצע צייט אין אַ זייט. שטעלן ביידע אויף פון ציגל, פון האָלץ, פון ליים און גלעזלעך אַ הויז און אַ טורעם.

ל יי ז ע ר ל (קומט צו לויפן). אוי, קינדער! וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, אויפן הויף שפּילן זיך יינגלעך אין אַ מלחמה, אין אַ פּאָגראָם! וואַרפן שטיקלעך בלעך, ס'זאָל דונערן און בליצן. די ווענט ציטערן... ברעכן שויבן אויף פּיץ־פּיצלעך. עס שלאָגט אַ פייער אַרום, מען האָט אונטערגעצונדן שטרוי און ברעטער... זיי גייען נקמה נעמען... יענקל פון הויף איז דער קאָמענדאַנט. שרייען, רופן, מאַכן קולות... קומטס געשווינד, קומטס. קומטס אַלע אַרויס!

קינדער. ניין! ניין! ניין! גייטס נישט!

צירעלע. כ׳וויל נישט, כ׳וויל נישט זען... (פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן.)

רחלע. רוצח! ער וויל נאָך קוקן אויף דעם אַלעם...

לייזערל. כ׳וויל, כ׳וויל זיין אַ רוצח! אַ רוצח און אַ גזלן קען טון וואָס ער וויל, קיינער זאָגט אים גאָרנישט... פאַר אַ גזלן האָט מען מורא... פאַרשטייסט? און מען קען זיך אַלץ נעמען, אַלץ, וואָס מען וויל, מען דאַרף נאָר האָבן אַ פּיסטאָלעט, פאַרשטייסט? פאַרוואָס האָבן זיי געמעגט? קומטס אַרויס! ווער שפּילט זיך? ווער וויל זיין אַ רוצח, ווער וויל זיין אַ ייד? (פאַרשווינדט. עס פאַלן אַריין יינגלעך פון הויף אין עלטער פון צען־צוועלף יאָר, מיט רוגזא, מיט ווילדע געשרייען, רעש, געוואַלדיק, מיט שפּיזן, ביקסן, שווערדן און העק אין די הענט.)

יינגלעך (פרעמדע פון הויף). מען שפּילט זיך אין אַ מלחמה, אין אַ פּאָגראָם!

קינדער (ווערן דערשראָקן). ניין! ניין! ניין!

יינגלעך. יידן! יידן! יידן! ווו זענען דאָ יידן? (דער עלטסטער פון זיי, יענקל, מיט צוגעטשעפּעטע שליפעס, אימיטירט דעם אָנפירער, דעם קאָמענדאַנט. שטעלט זיך פאָרויס, דיריגירט און שרייט צום ערשטן יינגל.)

יענקל־קאָמענדאַנט. מע׳שפּילט זיך, צי מע׳שפּילט זיך נישט? מלחמה איז מלחמה! (יינגלעך פאַלן צו צו די

מיידלעך, מאַטעלע און מנחמל באַשיצן זיי און פאַרשטעלן זיי. די יינגלעך רייסן די קליידלעך, וואַרפן אויף דער ערד די מיידלעך. די אַנדערע יינגלעך צעהאַקן די בענקלעך, איינער רייסט ביי די האָר צירעלען, זי ווערט זיך נישט.)

צירעלע. לאָז מיך אָפּ! עס טוט וויי! (דאָס צווייטע יינגל כאַפּט רחלען ביים האַלדז, רחלע ראַנגלט זיך מיט אים, שטופּט אים אַוועק מיט כוח.)

רחלע. איך בין שטאַרקער פון דיר, ביסט אַ מערדער!

צווייטער יינגל. כ'וויל זיין אַ מערדער... ווייכע מירל! כ'וויל זיין אַזוי ווי זיי... פאַרשטייסט? (די אַנדערע יינגלעך כאַפּן אַלץ אין די הענט, איינער פון זיי כאַפּט אַ ליאַלקע.)

יענקל־קאָמענדאַנט (כאַפּט אַ ליאַלקע, באַפעלט). אַ קינד?! צערייסן... (וואַרפט זי האַסטיק, ברוטאַל צום יינגל. דאָס יינגל רייסט אַרויס די הענטלעך, די פיסלעך, אַלע קינדער ווערן שטום אַ רגע) אַזוי! אַזוי! איר מיינט ס'איז לצנות? וואָס שטייסטו? שפּילסט זיך, צי דו שפּילסט זיך נישט?

צירעלע (זעענדיק די צעריסענע ליאַלקע, ברעכט אויס מיט אַ שטיל געוויין). גאָט וועט דיך שטראָפן! (דערוויל צעוואַרפן די יינגלעך די שפּיל, צעברעכן אַלץ פון די טישלעך, צערייסן אַ קישן, אַ שעניק, עס פליען פעדערן, עס שיט זיך שטרוי.)

יענקל־קאָמענדאַנט (באַפעלעריש). יעצט שיסן,

שטעכן מיט די ביקסן! (איינער לויפט צו צו מאַטעלען, שטעכט אים מיט דעם שפּיץ פון דער הילצערנער ביקס.)

ע ר ש ט ע ר  י י נ ג ל. נו, פאַל, כ׳האָב דאָך דיך דערשטאָכן, פאַל! (וואַרפט אים אויף דער ערד.)

י ע נ ק ל ־ ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט. זוכט קינדער! (יינגלעך לויפן צו צו די נאַרעס כאַפּן קישנס, זעקלעך, זוכן. איינער פון זיי וואַרפט אַרויף האַסטיק אויף אַ שטייענדיק וויגל אַ קישן. יענקל רירט זיך נישט פון אָרט, דיריגירט, באַפעלט) טרעטן מיט די שטיוול! טרעטן מיט די פיס! שמייסן מיט דער בייטש! לערנט זיך, שלימזלים! (לויפט האַסטיק צו צו ברוכלען, דער באָבעס איניקל) לייג דיך, מוזסט שטאַרבן!... (ברוכל פאַרלירט זיך, דערשראָקן, לייגט זיך, יענקל גיט אים אַ קאָפּע.)

ב ר ו כ ל. באָבעליו! באָבעליו! (עס קומט אַריין מרימל, גייט צו צו ברוכלען, הייבט אים אויף, נעמט אים אָרום. האַלט אים אין אירע אָרעמס.)

ד ר י ט ע ר  י י נ ג ל (כאַפּט ווידער אַ גרויסע ליאַלקע, געמאַכט פון שמאַטעס, פאַרקוקט זיך אויף איר).

י ע נ ק ל ־ ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט. חיים! זיי נישט קיין שלימזל, וואָס קוקסטו? גלעזערנער בער, צעשפּאַלט דאָס קעפּל! צעברעך זי!

ח י י מ ל. גיי, איך וויל נישט, כ׳קען נישט, ס׳איז אַ שאָד.

מ ר י מ ל. טו עס נישט! געדענק... ס׳ווערט נישט גע־

שענקט... דאָרט שטייט אַ גרויסע וואָג... וועגט ביינאַכט און וועגט בייטאָג...

י ע נ ק ל - ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט. גיב אַ טראַסק אָן דער וואַנט! קאַליקע! טויגסט נישט!

ח י מ ל. ס'איז אַ רחמנות, כ'האָב מורא... (לייגט זי צוריק.)

י ע נ ק ל - ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט. שוטה! ס'איז דאָך אַ ליאַלקע, זי לעבט דאָך נישט.

ח י מ ל. אַ ביסל לעבט זי... כ'וויל נישט, איך קען נישט.

מ ר י מ ל. אַ ביסל לעבט זי, אַ ביסל איז זי טויט... ליידיקע אויגן, אָנגעפילט מיט רויגן, אַזוי ווי די פּאַני געבוירן...

י ע נ ק ל - ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט. קענסט נישט? שפּילסט זיך נישט! (שטופּט אים אַוועק) נבלה! אַז שלאָגן, איז שלאָגן. פאַרשטייסט?

מ ר י מ ל (צו יענקלען). זעסט נישט... אַ זיידן פּאָדעם איז זיין זעג... מלאכים שטייען אויפן וועג...

י ע נ ק ל - ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט (כאַפּט אַ מיידעלע ביי דער האַנט). צירונג! פינגערלעך! איך בין דער קאָמענדאַנט, טוט וואָס איך הייס, צונעמען! נאָר גיך, נאָר געשווינד. אַזוי ווי זיי... אַזוי ווי זיי! גיך! (קנאַקט מיט דער בייטש) זיי האָבן זיך אויך געאיילט. זייגערלעך! געלט! גיט אַוועק! אַלץ! אַלץ! איך בין דער קאָמענדאַנט, איך הייס! האַקטס, ברעכטס און שלאָגטס! (לויפט אַרום, צירעלע

און רחלע נעמען אין צווישן צוזאַמען אַלץ פון דער ערד, שטעלן צוריק די איבערגעדרייטע, צעבראָכענע בענקלעך.)

מ ר י מ ל (הייבט אויף פון דער ערד אַ צעבראָכן מעשן הענטל פון אַ טיר). אַ הענטל... פון אונדזער טיר. ביסט געבליבן אָן אַ טיר... נעבעך... (גלעט עס) קום הענטל, קום מיט מיר...

(די צוויי היימלאָזע יינגלעך אין טונקעלן ווינקל בויען ווייטער דאָס הויז מיטן טורעם. די יינגלעך לויפן צו צו דעם הויז און צעוואַרפן עס מיט די פיס. עס ווערט אַ געוויין, אַ געשריי, אַ געפילדער, עס דרייט זיך איבער ס׳לאַמטערל, ס׳ווערט פינצטער. עס לויפט אַריין פון הויף שלום.)

ש ל ו ם. וואָס טוט זיך דאָ?

ק י נ ד ע ר. אַ מלחמה! אַ פּאָגראָם!

ע ר ש ט ע ר  י י נ ג ל. איך האָב אויפגעבויט אַזאַ שיין הויז, אַזאַ הויכן טורעם, האָבן זיי עס צעשטערט און צעוואָרפן...

צ ו ו י י ט ע ר  י י נ ג ל. איך האָב דאָרט אַריינגעשטעלט אַ בלום, האָבן זיי זי צעטראָטן מיט די פיס.

ש ל ו ם. וויין נישט, וויין נישט, וועסט קריגן כוח און וועסט נאָך אַ מאָל אויפשטעלן דאָס הויז און דעם טורעם און נאָך שענערע און נאָך העכערע! דו וועסט פאַרזייען, און עס וועט אַרויסוואַקסן אַ שיינע, די שענסטע בלום!

(מרימל דערנענטערט זיך צו שלומען, בלייבט לעבן אים

שטיין. עס קומען אויך צו צירעלע, רחלע, ברוכל און מאַ־
טעלע. די רעשט קינדער נעמען אויפּסניי בויען דעם טו־
רעם. ביידע גרופּן ווערן באַלויכטן פון אַ שטראַלנדיקער
ליכט. אַ באַזונדער שטאַרקע ליכט פאַלט אויף שלומען.
פון דער ווייטנס מוזיק. די בויענדיקע קינדער זינגען.)

קינדער (צוזאַמען). ליים און ציגל,
ציגל און ליים.
לאָמיר אויפשטעלן
אַ נייע היים!
אַ נייע היים!

דאָס צוועלפטע בילד

# מרימל טרייסט די מוטער רחל

קצג

עמיגראַנטן־שטוב. קינדער שפּילן זיך, פֿאַר־געסן זיך, שפּרינגען צוזאַמען זאָרגלאָז אַרום. דרייען זיך און פֿליִען אַרום מרימלען. טייל זייִנען פֿאַרטוליעט אין טיכלעך אויף די קעפּ און איינגעהילט אין שמאַטעס. טייל מיט באָרוועסע פֿיסלעך. מרימל שטייט אין דער מיט, ציילט, קינדער זאָגן נאָך.

מרימל. אמתל... שקרל...
שקרל... אמתל...
דזשאַווער גלאַנץ.
שפּרינג און טאַנץ.
וויגל... קריגל,

קריגל... מיגל.
דער טייוול גייט!
ער איז מסוגל...
שיסן, שלאָגן...
בו... בו... בו...
ביסט געווען...
ביסט שוין נישטאָ...
היט דיך... דו.
היט דיך... ער.
זיי אַ פויגל...
נישט קיין בער...

ק י נ ד ע ר (צעלויפן זיך, שפילן זיך אין יאַגעלעך. זיי יאָגן זיך, כאַפּן זיך, לאַכן).

מ ר י מ ל. כ'האָב היינט צעבראָכן דאָס שווארצע שפּיגע־לע, צעבראָכן אויף שערבלעך. אַ שלעכטער סימן, ס'וועט עמעצער קומען.

ר ח ל ע (פאַלט אריין). אוי... אוי... ס'איז געקומען דאָס קעטשל... נאָך מרימלען... מען גייט זי נעמען אין שפּיטאָל! צו די משוגעים.... (מען הערט שטימען.)

מ ר י מ ל (הערט דאָס און שרייט). אָך! איך וויל נישט, ניין, ניין, צירעלע, באַהאַלט מיך! (באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל, קריכט באַלד ארויס. צירעלע שטייט די גאַנצע צייט לעבן מרימלען, נעמט זי ארום, פאַרשטעלט זי.)

ש ו ח ט ק ע (אויפגערעגט). מאַכט צו די טיר!

ר ח ל ע (מאַכט צו האַסטיק די טיר, האַלב וויינענדיק). לאָמיר זיי נישט אַריינלאָזן. מען וועט נישט לאָזן... (בלייבט ביי דער טיר, אַלע שטייען אויף צערודערט.)

ב ל י מ ע ל ע (גערירט). וועמען טוט זי שלעכטס? וועמען שטערט זי?

ב אָ ב ע. אָפּגעהיטן זאָל זי ווערן פון פרעמדע הענט, פאַר־שטעלטס ס׳קינד!

ש ו ח ט ק ע. ביי זיי דאָרט וועט זי שוין אין גאַנצן משוגע ווערן...

ב ל י מ ע ל ע. מען וויל זי געזונט מאַכן... צו שפּעט... דאָס מיינסט געפּלאָגטע קינד... שטיינער וויינען אויף איר גורל...

ב אָ ב ע. קלוג ווי דער ליכטיקער טאָג...

ב ל י מ ע ל ע. פאַרשטייט פון איין וואָרט צען...

ה יי מ ל אָ ז ע. גיט זי אַוועק, זי רעדט דאָך אין דער וועלט אַריין...

צ י ר ע ל ע (צערטלעך). וויין נישט, מרימל, איך וועל מיך פאַר דיר אָננעמען, שרעק דיך נישט, וועסט מיט אונדז בלייבן, איך וויל נישט זיין אָן דיר.

ל יי ז ע ר ל. איך וועל דיך היטן, מרימל. (שטעלט זיך נאָ־ענט, צעשפּרייט די הענט.)

מ ר י מ ל. איך רעד צו דיר... איך בעט דיך! טאַטע! ביסט דאָך דאָרט, דאָרט ביי אים... איך בעט דיך אַזוי, פאַרוואָס פאָלגסטו מיך נישט? לאָז מיך נישט צונעמען, איך בין

דאָך דיין מרימל, דיין קינד, אפשר האָסטו מיך שוין פאַר־
געסן? אפשר דערקענסטו מיך נישט פון דער ווייטנס?
היט מיך פון זיי, טאַטע, היט מיך פון זיי... (וויינט.)

ר ח ל ע. זאָג, פאַרוואָס האָסטו געשריגן די נאַכט, מרימל?

מ ר י מ ל. מען האָט מיך געיאָגט... כ'בין אַנטלאָפן פון
דער וועלט...

ר ח ל ע. וואוהין?

מ ר י מ ל. דאָרט אַהין! דער טאַטע האָט מיך געפירט צו
גאָט! גאָט האָט מיך געבענטשט... ער האָט מיר אָנגעזאָגט
למען־השם, כ'זאָל נישט האָבן צו עסן, נישט צו טרינקען.
כ'זאָל אַרומגיין באָרוועס, צווישן מיסט און חורבות... און
שלאָפן אויף שטיינער... גאָט האָט ליב הונגעריקע... גאָט
האָט ליב אונדזערע ביינער...

ס ו פ ר. דער דיין, זכרונו לברכה, צי הערט ער זיין קינדס
רייד, זיין קינדס געוויין? מרימל, קום אַהער, וויין נישט.
דער זיידע וועט נישט לאָזן, שטיל, שטיל...

מ ר י מ ל (טוט אָן דאָס דערעלע אויפן קאָפּ און וויל גיין,
רעדט צו זיך). גאָט וויל, די קינדער זאָלן וויינען אין הימל.
כ'האָב נישט קיין צייט, כ'גיי צו מיין טאַטן (פאַרחלומט)
ער ווינט ווייט... כ'מוז אים אַהין טראָגן וואַסער און ברויט.
די גאַס איז פאַרמאַכט, די גאַנצע וועלט איז פאַרשטעלט...

צ י ר ע ל ע. דו ווייסט גאָרנישט, מרימל, ביסט אַ גולם.

מ ר י מ ל (צו זיך). כ'ווייס, ער וואַרט אויפן בית־עולם.



ז

צ י ר ע ל ע. צו וועמען וועסטו גיין?

מ ר י מ ל (גייט צו צום פענצטער, קוקט אַרויף, רעדט צו זיך). וואָס טוט ער דאָרט מיין טאַטע? איז ער דאָרט אויך דיין? צי פּסקנט ער דאָרט שאלות? היינט איז דאָך ראש־חודש, שטייט ער דאָרט אין הימל ביי דעם ארון־קודש... גיי זע, צירעלע, צי האָט מען מיך שוין צוגענומען, צי בין איך נאָך געבליבן?

צ י ר ע ל ע (לויפט צו צום פענצטער). זענען שוין נישטאָ! מען האָט נישט געלאָזט דיך צונעמען... זיי האָבן דיך גע־זוכט... זיי האָבן דיך געוואָלט בינדן, שלעכטע...

ב ר ו כ ל. פאַרוואָס רופט מען מרימלען משוגענע? פאַר־וואָס וויל מען זי צונעמען?

מ אַ ט ע ל ע. ווייל זי איז משוגע, זי רעדט נישט קלאָר.

ב ר ו כ ל. פאַרוואָס רעדט אַ משוגענער נישט קלאָר?

מ אַ ט ע ל ע. ווייל די קלאָרע מענטשן האָבן אים משוגע געמאַכט.

ב ר ו כ ל (פאַרקלערט, חזרט איבער). די קלאָרע מענטשן מאַכן משוגע?

מ אַ ט ע ל ע (האַלט אין דער האַנט אַ ברעטל, שניצט מיט אַ מעסערל, לייענט הויך). עליע־שלמה, יצחק־יעקב בני מנחם־יוסף, רבקהלע מירעלעס דריי יאָר אַלט געוועזן...

מ ר י מ ל (גייט צו, לייענט פון ברעטל). האָראָדישטשע, מלאָווע, קוטנע און זשיכלין...

קצט

מ אַ ט ע ל ע (פאַרטראַכט, קלאָגט זיך). אָבער ווו האָט מען זיי באַגראָבן? אפשר וועלן זיי נאָך צוריקקומען?

מ ר י מ ל. זיי וועלן נישט צוריקקומען, אין הימל איז א יריד...

מ אָ ט ע ל ע. גיי, רעדסט פון היץ...

מ ר י מ ל. זיי מוזן זיך פרעגן ביי גאָט. גאָט האָט נישט קיין צייט... ער האָט אַ פאַרדרייטן קאָפּ. ס'איז שלעכטע צייטן, ער ווייסט נישט וואָס פריער... קריץ אויף דעם ברעטעלע... קריץ.

א י י נ ג י י ע ר ק ע (קומט אריין מיט א קויש). קוים דער־שלעפּט. אַ טריבער טאָג היינט. די גאַנצע וועלט ווי אַ קעסל מיט פאַרע.

ש ו ח ט ק ע. וואָס טראָגט איר דאָ? פאַר זיי, האָ? אהאַ, מען שלעפּט שוין דעם שבת.

א י י נ ג י י ע ר ק ע. ווי דען?

ש ו ח ט ק ע (גייט צו צום קויש). ווייזט, ווייזט, וואָס האָט איר אין קויש?

א י י נ ג י י ע ר ק ע. ווי תמיד, קאַרפּן, העכט, הערינג, קעל־בערנע פיסלעך. טאָפּט אָן דעם אינדיק, שמאַלץ אַ צוויי קוואַרט, יונגע גענדזלעך, עופהלעך, וויינעפּעלעך.

ה י י מ ל אָ ז ע (מעכאַניש). יונגע גענדזלעך, וויינעפּעלעך...

ש ו ח ט ק ע (נעמט אַלץ אין דער האַנט און וועגט אַלץ.

אַלע רינגלען אַרום דעם קויש, די היימלאָזע טאַפּן די גענדז־לעך, מען טראָגט אַרום דעם אינדיק אויף מבינות). און מען ווערט נישט דערשטיקט, האַ?

א י י ג י י ע ר ק ע (לאַכט). און וויפל דאָס באַטרעפט?

ה י י מ ל אָ ז ע. מער ווי אַ שיפסקאַרטע.

ש ו ח ט ק ע. אַ בייזע וועלט, אַ וויסטע וועלט! וועט זיין אַ מאָל יושר צי נישט? איז דאָ ערגעץ אַ משפט? צי נישט?... נישטאָ קיין משפט... ניין.

מ ר י מ ל. אַ משפט אויף חיות...

א י י נ ג י י ע ר ק ע. ביי זיך פולע שפייכלערם, אַלדאָס גוטס פון דער וועלט! כל המינים! און מאכלים כל הטעמים! פוטער! צוקער! גאַנצע זעק... אויף אַלע אָרעמעלייט! אויף אַלע אָרעמעלייט!

ה י י מ ל אָ ז ע (צוזאַמען). און מיר... מיר ווערן איינגע־דאַרט...

ש ו ח ט ק ע. מיר וועלן שוין אַזוי אָפּפינצטערן... הלוואי אונדזערע קינדער. פאַרטריבן אונדז, מען וועגט דעם ביסן ברויט...

א י י ן ה י י מ ל אָ ז ע. גענוג בעטלען! דעם אָרעמאַנס ביסן! אונדזער פיין!

א י י נ ג י י ע ר ק ע (בסוד). ביי זיי שמחות אויף שמחות פאַר די פרעמדע געסט. מען לאָזט זיי נישט אַריין צו

אונדז. מען לאָזט נישט אָנקוקן דעם דלות. מען שיט זאַמד אין די אויגן...

הי י מ ל אָ ז ע (חזרן איבער). מען שיט זאַמד אין די אויגן...

א יי נ ג יי ע ר ק ע. אַ זיידן מענטש, אַ זיידן האַרץ, איז גע־ווען ביי אונדז אין שטאָט מלאווע, ר׳ ישראל אַלטערס טאָכטער, די נגידיתטע רבקה־לאה.

מ ר י מ ל (לויפט צו). וויז, וויז! האָסט די מטבע? פון אַ זיידן מענטש מיט אַ זיידן האַרץ. גיב, גיב מיר די קמיע!

א יי נ ג יי ע ר ק ע (באַמערקט מרימלען). מרימל, וואָס ביס־טו, נעבעך, אין אַזאַ הולך? אַלץ צעריסן...

מ ר י מ ל. טויזנט מאָל קריעה... די הויט איז אויך צעריסן. זאָג מיין טאַטן, ער דאַרף עס וויסן... (איינגייערקע קוקט, ווישט די טרערן.)

ש ו ח ט ק ע (צו דער איינגייערקע). מען דאַרף נישט וויי־נען, צו וואָס טויגן טרערן? מען דאַרף נישט מער קיין טרערן... הונדערטער יאָרן... גאַנצע ימים... האָט עס גע־האָלפן?

א יי נ ג יי ע ר ק ע. יעדער וויינט באַזונדער, יעדער וויינט פאַר זיך אַליין...

מ ר י מ ל. וויינען דאַרף מען אינאיינעם...

א יי נ ג יי ע ר ק ע (באַטראַכט מרימלען). וואָס טראָגסטו?

מ ר י מ ל. זעסט נישט? יום־טובדיקע קליידער (וויזט אַן

אויף איר הולך) סאַמעט, זייד און ווייסע שפּיצן. (ווייזט אָן אויף צייכנס) עס טוט מיר ווי פון די שמיץ, אויף דער גאַס שלאָגן מיך שקצים... זעסט מיינע ביילן? זאָלסט דער מאַמען נישט דערציילן. גאָט איז אָן עקשן, אז ער וועט וועלן, מען זאָל מיך שלאָגן, וועט גאָרנישט העלפן...

אײנגײערקע (נעמט אַרויס פון קוישל אָן עפּל און גיט מרימלען). נעם, מרים־לעבן, נעם, נשמה מײנע...

מרימל (כאַפּט עס). ביסט מסתמא אַ מלאך! (גלעט דאָס עפּעלע) אָן עפּעלע, נישט קיין שטיין? (פּרייט זיך, טוליעט עס צום האַרצן) אַ זיס, גאָלדן עפּעלע, מען מוז מאַכן אַ שהחיינו, און עסן מיט כוונה, אמן! (צו דער אײנגײערקע) דו פאַסט? מען דאַרף פאַסטן, די גאַנצע וועלט מוז פאַסטן, מען מוז תשובה טון... (בסוד) זײ פאַסטן?

אײנגײערקע (מיט געלעכטער). זײ האַלטן אין אײן פאַסטן... פאַסטן... (אַלע אַרום לאַכן, אַ סך שטימען חזרן איבער: זײ פאַסטן!)

הײמלאָזע. מען פרירט ווי די הינט, ווו זענען די קוילן?

אײנגײערקע. נו, זײט געזונט!

ערשטער הײמלאָזער. גייט געזונטערהייט, מען זאָל זיך שוין טרעפן אויף יענער זייט ים.

צווייטער הײמלאָזער. איר האָט געקראָגן די שיפס־קאַרטע? האַ?

אײנגײערקע. אָט, טראָג איך זי אויפן האַרץ (נעמט

אַרויס די שיפסקאַרטע) דער השם יתברך זאָל העלפן, מען זאָל דערלעבן ביז צו דער שיף, אַבי ביז צו דער שיף, מען זאָל נאָר צוקומען.

אַ ל ע (חזרן איבער צוזאַמען). אַבי ביז צו דער שיף, מען זאָל נאָר צוקומען!

ה יי מ ל אָ ז ע (שטיל). איך קיין אַרגענטינע, קיין ארץ־ישראל איז מיר נישט באַשערט. מיין ברודער קיין בראַ־זיליע.

א יי נ ג יי ע ר ק ע (קוקט זיך אום און דערזעט בלימעלען ביי דעם וויגל, גייט צו איר צו, באַטראַכט דאָס קינד). ווייסע הערעלעך, אַ מלכות אַ קינד... אַ נס, אַ גרויסער נס! מ'האָט טאַקע אַ גרויסן גאָט אין הימל! (גייט אַרויס.)

ווי ר ט י ן (וואַרפט אַריין אַ פּעקל מיט אַלטע מלבושים, בלייבט אויף דער שוועל). פאַר אייך! (אַלע לויפן צו, מען כאַפּט איינער דעם אַנדערן פון די הענט, עס ווערט אַ גע־טומל.)

אַ ל ע. דאָס פאַר מיר! פאַר מיר! ווייזט? ווייזט, בלויזע שמאַטעס, נאָך אַ גוט העמד...

מ ר י מ ל. אויסגעטראָגענע קליידער, זאָגן אויס פון חדר... אַ יאַקעלע, אַן אויסגעקרומטער שוך, קוקט אויס ווי אַ רוח. (בייגט זיך צו, באַטראַכט) מייז און לייז קריכן בייז...

ש ו ח ט ק ע (האַלט אַ קלייד אין דער האַנט אויף אַ זייט). וועמענס קלייד? מלבושים נאָך טויטע. קליידער, טויטע

זאכן, אָבער עס בלייבט עפּעס פון דעם, וואָס האָט עס געטראָגן. פריער האָט איר באַדעקט אויסגעפּילטע לייבער און איצט... דאַרע, טרוקענע ביינער...

ה י י מ ל אַ ז ע. נאָך אַ גוט העמד! (כאַפּט עס און באַהאַלט אונטערן אָרעם) נאָך אַ גוט מלבוש! (רייסט עס אַרויס און באַהאַלט עס אויך אונטערן אָרעם.)

ש ו ח ט ק ע. זעט נאָר, זעט! וואָס מיינט איר? די נגי־דיתטע, אַ בת־יחידה זענט איר? וואָס מיינט איר? דאָ איז נישטאָ קיין מיחוסים, דאָס בעסטע קלייד צוגעכאַפּט... זאָל זי פאַרזוכן דעם טעם פון נויט. אָרעמע מענטשן קענען דעם טעם גוט.

ב אָ ב ע. בעסער בשלום, בשלום, באהבה.

מ ר י מ ל. שנאה, קנאה, תאוות...

ב אָ ב ע. נישט פאַרשעמען, מוחל זיין איינער דעם צווייטן.

מ ר י מ ל (מיט אַ ניגון חזרט איבער). מוחל... מחילה... פאַר מתים אַ סגולה... (קינדער צעשפּרייטן די רעשט מלבושים אויף דער ערד, לייגן זיי אויס ווי געשטאַלטן, מיט די פּליי־צעס צו דער ערד. מרימל נעמט אַרויס אַ ווייס קלייד מיט אַ שלייער, מעסט זיך עס צו, שפּעטער לייגט זי עס אויס אויף דער ערד) מזל־טוב! אַ ווייס קלייד, אַ קלייד פאַר אַ כלה! ווו איז זי? די כלה? טאָקע אַ שאלה? (רחלע, צירעלע און די רעשט קינדער טוען אָן מרימלען דאָס ווייסע קלייד און דעם ווייסן שלייער אויפן קאָפּ.)

ר ח ל ע. מרימל, וועסט זיין אַ כלה... אַן אמתע כלה... (אַזוי אָנגעטון בלייבט זי ביז צום סוף פון בילד, מען זעצט זי אַנידער.)

ק י נ ד ע ר (דעקן זי צו מיטן שלייער, זינגען).
כלהשי ... כלהשי... ביסט אַזוי שיין...
כלהשי... כלהשי... זעץ דיך און וויין...
(טאַנצן אין אַ ראָד.)

מ ר י מ ל (הייבט זיך אויף, גייט אַרויס פון ראָד, אין פאַר־טראַגנקייט, גייט אַזוי ווי צו שלומען). אַ חלום... אַ הלום... דער חתן הייסט שלום..

ש ו ח ט ק ע. ווי שפּעט איז?

מ ר י מ ל. דער זייגער גייט, דער ווייזער שטייט (באַטראַכט אירע באָרוועסע פיס) מיטן רבונו של עולם האָב איך אַ וויכוח, פאַרוואָס שיקט ער מיר נישט זאָקן און אַ פּאָר שיך. ער זעט דאָך, אַז איך גיי אַרום באָרוועס. איך וויל האָבן דימענטענע אוירינגלעך, זיידענע ווייסע רויזן, זאָל ער מיר שיקן אַ קאָטש מיט גומענע רעדער.

ר ח ל ע (נעמט אַרויס פון דער קעשענע פון אַ קלייד אַ בריוו, שרייט אויס איבערראַשט). אוי! כ'לעבן! קינדער! געלט!

ק י נ ד ע ר (לויפן צו, זאָגן הויך, דערפרייט, איבערראַשט). געלט! געלט! געלט! (זוכן אין דעם בריוו.)

מ ר י מ ל (גייט צו). אפשר אַ צוואה? אפשר אַ ירושה?

קענסט ירשענען די צרות, קענסט ירשענען די בושה...

צ י ר ע ל ע. ניין, ס'איז אַ בריוו!

ש ו ח ט ק ע. ווייזט, קינדער, וואָס האָט איר דאָרט געפונען? אַ בריוו? אפשר טאַקע אַ צוואה? (אַלע פאַראינטערעסירן זיך, אַלע נייגעריק, טייל לאַכן איראָניש.)

ר ח ל ע. זאָל בלימעלע לייענען. (גיט איבער בלימעלען די זייטלעך.)

ב ל י מ ע ל ע (באַטראַכט זיי טרויעריק). בריוו, בריוו... נישטאָ שוין צו וועמען...

ש ו ח ט ק ע. לייען, ווער קען וויסן, אפשר אַ קרוב?

ה י י מ ל אַ ז ע. אַ שוועסטער, אַ ברודער, ווער קען וויסן?

ב ל י מ ע ל ע (זעצט זיך ביים טיש, ביי אַ לעמפּל, הייבט אָן צו לייענען, לייענט וואָס אַ מאָל מער גערירט). מיין טייערער, מיין איינציקער! איך ליג אין שפּיטאָל צווישן פרעמדע מענטשן... איך קלער וועגן דיר טאָג און נאַכט. דורכן פענצטער, צווישן די וואָלקנס זע איך דיך... (רייסט איבער) איך זע נישט, ווארטס, קוים געשריבן, די אותיות פאַלן...

ש ו ח ט ק ע. געשריבן אין היץ.

ב ל י מ ע ל ע (לייענט ווייטער). ווו ביסטו? אפשר לעבסטו שוין נישט? איך קען שוין מער נישט שרייבן...

ש ו ח ט ק ע. נו, און ווייטער?

בלימעלע. באַלד, וואַרט. (לייענט) מיין טייערסטער, איך געזעגן זיך מיט דיר... די ליפּן ווערן פאַרברענט, אַ טראָפּן וואַסער קיינער דערלאַנגט נישט...

שוחטקע. שוין?

בלימעלע. נאָך. (לייענט ווייטער) עס ליגט דאָ מיין קליין שוועסטערל זיסעלע און מיין ברודער. איך וועל זיי שוין נישט זען. ווער ווייסט, צי זיסעלע וועט לעבן? קיי־נער גייט צו איר נישט צו. מיין ברודער... מען שווייגט... איך פרעג, מען ענטפערט נישט, אַרום מיר ליגן מענטשן אין גסיסה, איך הער כסדר, ווי מען זאָגט ווידוי, די גאַנצע צייט האָב איך גאָרנישט מער געזען, נאָר ווי יידן שטאַרבן... מיין געטרייער, אויב דו לעבסט, אויב דו וועסט בלייבן, זאָג אַלע מענטשן, זאָג דער גאַנצער וועלט, וואָס מען האָט מיט אונדז געטון...

שוחטקע. אַ צוואה. די לעצטע ווערטער, אַ צוואה! ס'איז נישט קיין בריוו, ס'איז אַ קול פון יענער וועלט. רבונו של עולם, שטיל איין די קללות, וואָס שטיקן מיין האַרץ און ברענען אין מיין מויל! פאַרשטיינערט זאָלן ווערן זייערע קינדער נאָך אין דער מוטערס לייב! (בלימעלע ברעכט אויס מיט אַ געוויין, קינדער און צירעלע לויפן צו איר צו, שוחטקע שעלט ווייטער) אויסגעמעקט זאָל ווערן זייער געביין און קיין זכר זאָל פון זיי נישט בלייבן!

באָבע. מען טאָר נישט שעלטן, ס'איז אַ זינד. דער פינצ־טערער גורל האָט געבראַכט דיינע רייד.

מ ר י מ ל. שוחטס ווייב... אַ שיינע דרשה פאַרן רשע... און שעלט און שריי... ער לאַכט... זעסט... דאָרט אין ווינקל שטייט דער שד און לאַכט... ער שטייט... און קייכט... (מאַטעלע האַלט יעצט אַ קליין שיפעלע און שניצט עס מיט אַ מעסערל) וואָס טוסטו, מאַטעלע ?

מ אַ ט ע ל ע. איך שניץ דאָס שיפעלע, וואָס וועט שווימען אויפן ים...

מ ר י מ ל. וואָס טוסטו ? עס וויינט מסתמא. דו שניידסט עס און זעגסט עס, ס'טוט אים וויי. הערסט דאָס געשריי ? הער אויף ! דאָס שיפעלע לעבט, מיט אַן אַנדער לשון רעדט דער טיש. אַ געלעכטער ! אַזאַ מאַש־מיש... אַ מילון לשו־נות... (ס'קומט אַריין פאַרהילט אין אַ טוך די מוטער מיט אַ שטיל געוויין, קינדער קוקן און הערן זיך צו ערנסט.)

מ ו ט ע ר (יאָמערט). מיין איינציק יאָסעלע !

מ ר י מ ל. זעסט אויס ווי אַ שאָטן...

ב ל י מ ע ל ע. ווען מען רייסט אַוועק אַ קינד, רייסט מען מיט דאָס האַרץ.

מ ר י מ ל. איך וועל דיר זאָגן אַ סוד. ווער עס ווערט אַ שאָטן, קען שוין גאָרנישט גראָטן. שטיל, אַלע זיצן שבעה...

מ ו ט ע ר. יאָסעלע, מיין יאָסעלע ! יאָסעלע !

ב אָ ב ע. אָרעמע מוטער, נאָר גאָט קען דיך טרייסטן...

מ ר י מ ל. שטיל. (קוקט אַרויף) דער הימל האָט זיך גע־עפנט. ס'איז געפאַלן פון הימל יאָסעלעס טרער. קיינער זעט

נישט, קיינער הערט נישט. (מען הערט אַ טרויעריקן מאָ־טיוו. עטלעכע שטימען) הערסט? די מאַמע רחל וויינט, זי קלאָגט, מען מאַטערט אירע קינדער.

שטימען פון דער ווייטנס. טויבן מיינע, קומט צו מיר, אַלע, כ׳וועל אייך שיצן פון חיות בייזע.

מרימל (חזרט איבער). טויבן מיינע, קומט צו מיר אַלע! כ׳וועל אייך היטן פון חיות בייזע. מאַמע רחל! קלאָג נישט, עס גייען נייע קינדער! עס וועלן קומען גרויסע, גרויסע וווּנדער!

דריטער טייל

# עס קומען וואנדער

## כ אָ ר

אָרגל־מוזיק

דער בויגן פון גבורים ווערט צעבראָכן
און געשטרויכלטע גורטן אָן קראַפט.

וואָרום געקומען איז די שעה.

דאָס דרייצנטע בילד

# קינדער גייען אַוועק

דאָס זעלבע אָרט. אַלע שלאָפֿן. ס'איז טונקל. אויף דער ערד אין דער מיט צאַנקט אַ בלאָ אָנגעצונדן לאַמטערל. מרימל איז בלאַס באַלויכטן, אַרומגענומען מיט בלאָער ליכט. שאָטנס. מרימל וואַרט, פֿאַרטראַכט זיך, שמייכלט, הערט זיך צו.

מרימל. כ'מוז גיין... מ'רופֿט מיך... (שטייט אויף, גייט פּאַמעלעך שטיל צו צו רחלען, וועקט זי סודותדיק) רחלע, שטיי אויף! מען וועט גיין דאָרט, דאָרט אַהין...

רחלע (זייער שטיל). ווו וועסטו גיין מיט מיר, מרימל!

מרימל. דאָרט... דאָרט אַהין... דאָרט איז שטענדיק טאָג...

רחלע. דאָרט איז קיינמאָל נישט פֿינצטער?...

מ ר י מ ל. נישטאָ קיין נאַכט... זעסט דעם פלאַם אין דער פינצטער ? דאָס איז שלום ! פאַרמאַך די אויגן, וועסטו אים זען.

ר ח ל ע (גייט שטיל צו צו צירעלען, וועקט זי). צירעלע, שטיי אויף ! מרימל וועט אונדז פירן... קיינער זאָל נישט וויסן. זי וועט אונדז פירן אין אַן אַנדער לאַנד, און אין אַן אַנדערע וועלט...

צ י ר ע ל ע. מען וועט דאָרט קיינמאָל נישט וויינען ?

מ ר י מ ל. מען וועט שטענדיק לאַכן... מען וועט זיך תמיד פרייען...

צ י ר ע ל ע( לויפט צו צו מאַטעלען און ברוכלען, וועקט זיי געשווינד און רעדט בסוד). מאַטעלע, שטיי אויף, קיינער זאָל נישט הערן, מען גייט ווייט, מרימל ווייסט...

מ אַ ט ע ל ע. איבערן ים... (נעמט זיך צוזאַמען.)

צ י ר ע ל ע. געדענקסט נישט ? זי האָט געזאָגט, מען וועט צושווימען...

מ אַ ט ע ל ע. כ'מוז מיטנעמען ס'שיפעלע.

ב ר ו כ ל. דאָרט וועלן נישט זיין קיין רשעים... קיין בייזע, שלעכטע מענטשן ?...

מ אַ ט ע ל ע (שטיל). ניין, ניין, קום געשווינד... די באָבע וועט זיך אויפוועקן...

ב ר ו כ ל. אפשר וועט זי וויינען נאָך אונדז...

צ י ר ע ל ע. ניין, זי וועט זיך פרייען, אַז אונדז וועט זיין בעסער...

מ ר י מ ל. קומט געשווינד, עס ווארט די קאַטש. די שיף וואַרט...

ל י י ז ע ר ל (וועקט זיך, הערט זיך צו, דערמאָנט זיך עפּעס). איך אויך! מרימל, איך אויך... שוין!

צ י ר ע ל ע. כ'האָב מורא, רחלע, בלימעלע וועט איבער־קלערן...

ר ח ל ע (שטילערהייט). די שוחטקע זאָגט תמיד, ווען נישט די קינדער... מיט די קינדער איז אַזוי שלעכט, אַזוי שווער... וועט מען גיין... געשווינד! ס'איז נאָך פינצטער...

מ ר י מ ל. קומט... קומט... געשווינד!

ל י י ז ע ר ל. מען וועט אַוועקגיין פון דאַנען... דאָ איז שלעכט...

ר ח ל ע. יאָ, איך וויל שוין מער דאָ נישט זיין...

ב ר ו כ ל. די מאַמע וועט דאָרט זיין?

מ ר י מ ל (בסוד). דאָרט גייען אַרום מלאכים...

ב ר ו כ ל (לויפט צו צו לייזערלען, בייגט זיך אָן צו אים נידעריק). שטיי אויף, גיך, גיך, מען גייט אַהין, מרימל האָט געפונען די שליסלען פון די טויערן... פון ערגעץ אַנדערש...

ר ח ל ע. דאָרט וועלן נישט זיין קיין אָרעמעלייט... נישט קיין קראַנקע... אַלע וועלן זיין גליקלעך... איילט, איילט זיך... זיי זאָלן זיך נישט אויפוועקן.

ב ר ו כ ל. איך גיי צו מיין מאַמען!

דאָס פּערצנטע בילד

# קינדער קליינע, וואָהין?

א בלאָער פֿאַרטאָג. ביי דעם טייך. א ווייַ־טער וועג. מען זעט פֿון דער ווייטנס, ווי קינדער קומען אָן. פֿאַרהילט, אָרעם, צו־געטוליעט צו זיך. מרימל גייט די ערשטע פֿאָרויס, נאָך איר צירעלע, רחלע, אסתרל און שפרהלע. מאָטעלע מיט א שיפל אויף די פּלייצעס. ברוכל, לייזערל, מנחמל, מלכל. קינדער דערנענטערן זיך וואָס א מאָל מער.

מרימל. כ'וועל אייך פֿירן קיין ירושלים.

צירעלע. ס'איז ווייט, מרימל? נאָך ווייט?

קינדער (צוזאַמען). עס איז נאָך ווייט, נאָך ווייט, אמת?

מרימל. מען וועט גיין הונדערט טעג און הונדערט נעכט! איבער זיבן ימים און זיבן טייכן...

צ י ר ע ל ע. און אַז מען וועט נישט דערגיין ?

ק י נ ד ע ר (פאַרצווייפלט). נישט דערגיין ?

ר ח ל ע. וועט מען פאַרבייגיין פאַר דער מאַמע רחלס קבר?

מ ר י מ ל. געבליבן איז נאָר דער גרויסער שטיין, שטעל דיך און וויין, וויין אַריין אין דעם שטיין.

מ אַ ט ע ל ע. ס'איז דער וועג צו דעם טייך.

ב ר ו כ ל. דאָס איז דער וועג צום וואַסער. דאָרט שטייט דאָס שיפל.

ר ח ל ע. זעט, עמעצער שפיגלט זיך אָפּ אין דעם וואַסער, דאָרט ווייט...

צ י ר ע ל ע. עמעצער גייט גלייך צו אונדז.

מ ר י מ ל. דוד המלך גייט אונדז אַנטקעגן !

ק י נ ד ע ר (צוזאַמען מיט גרויס ערנסט און פרייד). ווער גייט אונדז אַנטקעגן ? !

צ י ר ע ל ע. אַן אַלטיטשקער ווייסער ייד.

מ ר י מ ל. גייט טריט ביי טריט...

צ י ר ע ל ע. שטייט... איך האָב אַזוי מורא...

מ ר י מ ל. אויף די הענט טראָגט ער די תורה, ער קומט. ער קומט... זעט, ווי ער גייט... פון די פיס זיינע שטראַלט... פון די אויגן ברענט !

ב ר ו כ ל. און אפשר משיח !

מרימל. משיח! דער שליח...

לייזערל. און אפשר איז עס אליהו הנביא?

מאָטעלע. און אפשר טאַקע יעקב אבינו?

ברוכל. דאָס גייט צו אונדז שמעון הצדיק. ער וויל אונדז, מסתמא, פאַר תּלמידימלעך האָבן. איך דערקען אים. דערקען אים אין גאַנצן. (קינדער מאַכן שריט פאַר זיך.)

א שטים (פון דער ווייטנס). קינדער קליינע, וואוהין?

מרימל. צו דער זון, צו דער זון! (קינדער דערנענטערן זיך.)

שטים. קינדער קליינע, וועט איר טרעפן דאָרט אהין?

מרימל. דער סוד איז דערין...

קינדער. צו דער זון, צו דער זון!

דאָס פופצנטע בילד

# שעפּסעלעך נייען פֿאַריאָגן דעם וואָלף

א געסל אויסגעלייגט מיט שטיינער. פון דער ווייטנס אַ וועג און אַ וואַלד. פאַרטאָג, בלאָע ליכט. מרימל קומט צוריק, געענ־דערט, טרויעריק און צעמישט. מאַטערט זיך. שפּעטער רואיק און קלאָר.

מרימל. דאָס שיפעלע איז געווען קליין... קליין איז דאָס שיפעלע... גרוים און בייז... איז דער ים... מרימל האָט זיי געפירט... פאַרלוירן אין וואַסער... מסתמא... (פאַר־חלומט, זים און קראַנקהאַפט) זיי וועלן זיך דאָרט שפּילן מיט ים־שיסעלעך. די זון וועט זיי אַרומנעמען... עס זאָל זיי נישט קאַלט זיין... דאָס שיפעלע טראָגט זיי אַרום... די ווינטן וויגן זיי... די וואָלקנס גייען זיי נאָך. הערסט? צירעלע רופט... ציטער נישט, צירעלע! (בייגט איין די

קני, ווי זי וואָלט זי געזען פאַר זיך, כאַפּט זיך אויף) מען זוכט די קינדער... אָ... אָ!... ברענט מיך נישט! (לויפט אַרום, זעצט זיך אויף דער ערד און רעדט רואיק) ס'וויגן זיך שטיל צען נשמהלעך... (פאַרקוקט) דאָס שיפעלע שווימט פאַמעלעך אַהין... די לבנה גלעט זיי און קושט זיי... הערסט! רחלעס קול! (הערט זיך צו, ווי זי וואָלט איבערגעחזרט) וויין נישט, מרימל, וויין נישט! אונדז וועט זיין בעסער... מען וועט וויגן אין די שענסטע ליכ־טיטשקע שלעסער. (שטייט אויף, וויזט אָן מיט דער האַנט) צירעלעס מאַמע גייט אַרום אויפן וואַסער... זוכט מיך. פירט די קינדער... הערסט, ווי זי רופט מיך? מרימל!... מרימל...

ש ט י מ ע ן (מען הערט אָפּגעריסענע ווערטער, רופן). קינדער!... קינדער!... ווו זענען די קינדער?... די קינ־דער... אויפן וואַסער... צום וואַסער... נישטאָ די קינדער!...

מ ר י מ ל (הערט זיך צו מיט שרעק). מען זוכט די קינ־דער... מען וויל מיך שטראָפן!... (בייגט זיך, פאַרשטעלט זיך מיט די הענט. עס ווערט אין גאַנצן טונקל. לאַנגזאַם טויכט אויף מרימלס וויזיע. עס באַווייזן זיך שטיל, ריטמיש, די געשטאַלטן פון הויז. בלימעלע, די שוחטקע, דער רב, דער שוחט, דער סופר, די באָבע, מען זעט זיי קוים, איינ־געהילט אין גרויע, ברוינע בגדים. עס טיילן זיך נאָר אויס זייערע אויסגעשטרעקטע ווייסע און געלע ביינערדיקע הענט און טראַגישע, פאַרצווייפלטע באַוועגונגען. אַלע אין דער ריכטונג צו מרימלען. מרימל קוקט זיך איין אין דער

זעאונג. נאָך אַ ווײַלע פאַרשווינדט אַלץ. מרימל פאַרקלערט זיך, רואיק) עמעצער גייט, עמעצער קומט... ס׳שיפעלע שווימט... וואוהין? דער סוד איז דערין, כ׳בין אַראָפּ פון זין... (מען הערט ווייטע שטימען פון די קינדער.)

ש ט י מ ע ן. מיר שווימען... צו דער גוטער וועלט!...

מ ר י מ ל (הערט זיך צו, חזרט איבער). שווימען אַהין... צו דער גוטער וועלט!... נעמט מיט מיין הארץ... דאָ ליגט עם פאַר דער שוועל, וואַלגערט זיך אַרום... צעפּלאַשעטע ווילדע פערד טרעטן אויף מיין האַרץ. שלום, נעם צו, באַהאַלט מיין האַרץ, זיי שטעכן עס מיט שפּיזן... שלום!

ש ל ו ם (באַווייזט זיך באַלויכטן). מרימל!

מ ר י מ ל. שלומס קול! איך דערקען זיין קול... פידעלעך שפּילן... (דערזעט שלומס געשטאַלט, קוקט אויף אים ווי אין טרוים) שלומס אויגן... בלוי, גרין.. די האָר גאָלד-בורשטין... איך דערקען דיך, שלום! (גייט צו נענטער, רירט אָן זיינע האָר) שלומס האָר זייד. האָסט מיר געבראַכט אַ ווייס זיידן טוך. (מאַכט באַוועגונגען אַזוי, ווי זי וואָלט זיך איינגעוויקלט אין אַ טוך) היל מיך איין אין דעם ווייסן זייד, עס וועט מיר וואַרעם זיין... וויג מיך איין... דער טאַטע זינגט שוין נישט מער... ער שווייגט... זינג! זינג מיר דעם טאַטנס ניגון... (מען הערט געזאַנג) פאַרוואָס לאָזסטו מיך איבער! וואוהין גייסטו... ווער רופט דיך? נעם מיך מיט! (שלום שטייט אומבאַוועגלעך און קוקט

אויף איר, מרימל גייט צו נענטער) ריר מיך אָן... ריר אָן מיין הארץ.

שלום (הייבט אויף די האַנט און באַרירט מרימלען לייכט, גלעט זי).

מרימל. ס׳איז מיר קאַלט (בייגט איבער דעם קאָפּ) ס׳איז אַ חלום... שלום! פאַרוואָס ביסטו נישטאָ? ער ענטפערט נישט... פאַרוואָס רעדסטו נישט? (אומרואיק, געזאַנג הערט אויף) ביסט דו שלום? ער ענטפערט נישט... איך ווייס נישט, ווער דו ביסט, ווער ביסטו?

שלום. איך בין דיין ברודער...

מרימל. מיין ברודער? איך האָב נישט קיין ברודער... איך האָב קיינעם נישט... ווער ביסטו?

שלום. איך בין דיין עדות...

מרימל. אפשר ביסטו אַ שליח פון מיין טאַטן, פון דער מאַמען? ער ענטפערט נישט... ווען וועט שוין קומען ער?

שלום. ווער?

מרימל. ער... גאָט! פאַרוואָס קומט ער נישט אַראָפּ?

שלום. ער וועט קומען...

מרימל. ווען וועט ער קומען? ווער ביסטו?

שלום. איך בין... דער עדות...

מרימל. איך דערקען דיך נישט... שלום...

שלום. עדות פון דיין פאַרברענטן טאַטען. עדות פון מיין

פאַרפֿייניקטער מאַמען... פֿון דעם טאַטן דעם רבֿ, וואָס וואָגלט אַרום... דער ברודער פֿון מיין פֿאַרשעמטער שוועס־טער. איך בין דער עדות פֿון אונדזער אַלטן ייִדן, וועמען זיי האָבן אויסגעשטאָכן די אויגן... איך וועל מאָנען משפּט... איך וועל מאָנען משפּט...

מרימל. פֿאַרוואָס שטייסטו ווי אַ מת? דאָ איז אַ גרויִ־סער וואַלד, גזלנים וועלן אָנקומען באַלד. ס'איז נאַכט, דער וועג איז פֿאַרמאַכט... (לויפֿט אַרום ווי פֿאַרבלאָנדזשעט) נעם אַ זעג, מאַך אַ וועג... שלום! (עס ווערט טונקל. פֿון דער ווייטנס פֿייער. שטורמישע מוזיק) הערסט! מלחמה! זעסט! פֿייער!... מענטשן ברענען מענטשן! (עס באַ־ווייזן זיך לאַנגזאַם ריטמיש געשטאַלטן, פֿון ביידע זייטן גלייכצייטיק. סימבאָלישע געשטאַלטן, עלעגאַנטע הערן. אויף זייערע שוואַרצע קליידער קאַלירטע ערן־בענדער און אַ סך גאָלדענע און זילבערנע מעדאַלן. טראָגן קלאַסי־שע, שיינע מאַסקעס, אויף די הענט ווייסע הענטשקעס, עס פֿאַלט אויף זיי אַ ליכט. מרימל דערזעט זיי, זי באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל, קוקט זיך צו צו זיי און דערנענטערט זיך פּאַמעלעך. אין דעם מאָמענט נעמען זיי אַוועק די מאַס־קעס, מרימל שפּרינגט אָפּ און קוקט אויף זיי. די געשטאַלטן נעמען לאַנגזאַם אַראָפּ די ווייסע הענטשקעס, מען דערזעט, זייערע שוואַרצע הענט. מרימל ציטערט פֿאַר שרעק, ברעכט אויס מיט אַ שטאַרק געשריי, פֿאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט.) ווער זענט איר? רשעים? גזלנים! פֿון וואַנען קומט איר? פֿון גיהנום? וואָס ווילט איר... (טרעט צוריק,

קוקט זיך צו) שוואַרצע הענט !... שלום ! פאַרוואָס שוויי־
סטו ?... וואָס ווילן זיי ?... ענטפער ! וואָס ווילן זיי ?

שלום. זיי ווילן ווידער אונדזערע ביינער... אונדזערע
ביינער !

היתה עלי יד יהוה...
און ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזט
אין מיטן פון דעם טאָל,
און דער טאָל איז געווען פול מיט ביינער.
און ער האָט צו מיר געזאָגט.
זאָג נביאות צו די דאָזיקע ביינער,
און זאָלסט זאָגן צו זיי,
איר טרוקענע ביינער,
הערט דאָס וואָרט פון גאָט.
זעט, איך ברענג אַריין אין אייך אַן אָטעם
און איר וועט לעבעדיק ווערן.
און זיי זענען לעבעדיק געוואָרן.

מרימל. זיי זענען נישט געשטאָרבן... זיי ווען לעבן...
מאָרגן...

שלום. זיי וועלן אויפשטיין !... די טויטע ביינער גליען !...

מרימל. זיי וועלן נישט רוען... די גאַנצע וועלט שטייט
אויפן שין !... קינדער ! שטייט אויף !... מרימל רופט אייך !
שטייט אויף פון אַלע גריבער... שטייט אויף פון אַלע פעל־
דער... מען וואַרט אויף אונדז... דאָרט !... איך הער דעם
זאָג... עס קומט דער טאָג ! (מען הערט דעם ריטעם פון
טריט, ריטמישע אַקאָרדן) קינדער גייען... אלף, בית, גימל,

דלת, הא, וו, זין... גייען צוזאַמען! (די געשטאַלטן רירן זיך) געדענקט די אותיות די דריי! (ס'ווערט טונקל, די געשטאַלטן פאַרשווינדן. ס'טויכט אויף אַ העלער, ליכטיקער האָריזאָנט, אַ זוניקער הימל, העל באַלויכטענע בערג, די וויזיע מיט די קינדער איז באַלויכטן מיט אַ שטאַרקער פאַנטאַסטישער ליכט) קינדער פון דער גאַנצער וועלט! (מען זעט פון דער ווייטנס אויפן וועג קינדער. מען זעט די קינדער פון שטעטל מיט צירעלען, רחלען, לייזערלען בראש. גייען באַרג אַרויף, גייען צוזאַמען. מרימל ווייזט אָן אויף זיי און רעדט באַגייסטערט און וואָס אַ מאָל העכער) זיי גייען... גייען... פאַריאָגן דעם רשע! פאַריאָגן דעם וואָלף!...

שלום. אל תתן לחיה... זאָלסט נישט איבערגעבן צו אַ חיה די זעל פון דיין טויב...

מרימל. עס גייט אַ ים... קינדער קומען! ס'איז דער סימן!... ס'איז דער סימן!...

שלום. פאָרויס גייען, שוועבן דורות!...

מרימל. ווייסע ביינער... מיט מנורות! מיט הבדלות אין די הענט! (קוקט אויפן בילד פון דער ווייטנס מיט התלהבות) ליכט פלאַקערן און ברענען!

שלום. עס פליען זיי נאָך טויבן ווייסע!...

מרימל. פליען הויך!...

עס גייען נאָך נאָך זיי די שטערן!
עס גייט נאָך נאָך זיי די זון!
זי שיינט! זי שטראַלט! זי גליט!...
אין דער זון לייכט אַן אות... אַ „י"... אַ „י"...

# ביבליאָגראַפיע

## וועגן טעאַ אַרצישעווסקאַ

אין פאָלגנדיקע ביכער:

י. י. טרונק: „פוילן" (פינפטע בוך), ניו־יאָרק, 1949.

ד"ר א. מוקדוני: „יצחק לייבוש פרץ", ניו־יאָרק 1949.

ד"ר יעקב שאַצקי: „וועגן „מרימל" פון טעאַ אַרצישעווסקאַ", (ביולעטין פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס), ניו־יאָרק, 1954.

מלך ראַוויטש: „מיין לעקסיקאָן" (ערשטער באַנד), מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, 1945.

מלך ראַוויטש: „פען־פּראָפילן", מאָנטרעאַל, 1958.

נחמן מייזיל: „י. ל. פרץ, זיין לעבן און שאַפן", ניו־יאָרק 1945.

נחמן מייזיל: „געווען אַמאָל א לעבן", בוענאָס איירעס 1951.

„לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ערשטער באַנד, ניו־יאָרק 1956.

ר. פעדערמאַן: „פון מיין לעבן", („משענסטאָכאָווער יידן"), ניו־יאָרק, 1947.

אפרים קאַגאַנאָווסקי: „שריפטן" (יובילײ־אויסגאַבע) פּאַריז 1951.

אפרים קאַגאַנאָווסקי: „יידישע שרייבער אין דער היים", פּאַריז 1956.

זיגמונט טורקאָוו: „פראַגמענטן פון מיין לעבן", בוּ־ענאָס איירעס 1951.

מאַרק טורקאָוו: „די לעצטע פון א גרויסן דור", בוענאָס איירעס 1954.

ב. קוטשער: „געווען אמאָל װאַרשע", פּאַריז 1955.

רפאל פעדערמאַן: „ביי די טייכן פון וואַרטע און איסט־ריווער", ניו־יאָרק, 1957.

יאַקוב אַפּענשלאַק: „מאָוויע פּאָלסקיעי" (פּויליש), וואַרשע 1915.

מלך גראַפּשטיין: „דזשואיש אָבסערווער", (ענגליש), לאָנדאָן, 1943.

„יעקב מאנסדאָרף און זיין דור", תל אביב 1958.